STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04026

LOMIR LERNEN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לאמיר לערנען

לערנבוך פאַרן דריטן יאָר פאָלקשול

צוזאַמענגעשטעלט דורך די לערער פון דער יידישער שול אין מעקסיקע

לויט „לעבעדיקע קלאַנגען" פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן

פאַרלאַג „יידישע שול אין מעקסיקע", 1941

צום נייעם לערניאָר

אין גאָלד־רויטע בלעטער
סעפּטעמבער מאַרשירט.
וועגענער פּולע
מיט אויבסטן ער פירט.

איז נעמט, חברה, גיכער
די ביכער אַרויס,
די העפטן, די פּענעס —
דער זומער איז אויס!

און ברוינע קאַשטאַנעס,
אין גאַנצן אומזיסט,
קייקלען זיך יעדערן
אונטער די פיס.

געשפּילט זיך, געלאָפן,
געאַרבעט, גערוט.
איצט לאָמיר זיך לערנען,
און לערנען זיך גוט!

ל. ניידוס

קאַראַהאָד

קינדער, הערט, איר ווילט מיך פאָלגן?
זעט, ווי פריש עס איז דער סאָד!
נעמט אייך אַלע פּאַר די הענטלעך,
לאָמיר גיין אַ קאַראַהאָד!...

אָט אַזוי,
אָט אַזוי —
לאָמיר גיין אַ קאַראַהאָד!

וואָס זשע שטייסטו ווי אַ גולם,
בערל, יאָסל? — נו, געשווינד!
היי, אַ הייב די פיסלעך, עולם,
אַזש אַ פאָך טאָן זאָל דער ווינט!...

אַט אַזוי,
אַט אַזוי —
אַזש אַ פּאַך טאָן זאָל דער ווינט !...

איצט לאָזט לאַנגזאַמער די פּיסלעך
און שטעלט אָפּ די טענצעריי;
לאָמיר אָפּרוען צו ביסלעך,
און דערנאָך קומט אויף דאָס ניי.

אַט אַזוי,
אַט אַזוי —
און דערנאָך קומט אויף דאָס ניי !

ד׳אַמיצים

דער ערשטער טאָג אין שול

היינט איז דער ערשטער טאָג אין שול ! די צוויי חדשים וואַקאַציעס זיינען אַריבער ווי אין אַ חלום.

היינט אין דער פרי האָט מיך די מאַמע אָוועקגעפירט אין שול.

אין גאַס האָבן מיר באַגעגנט אַ סך קינדער.

ביידע בוכגעשעפטן זיינען געווען פול געפּאַקט.

די עלטערן האָבן געקויפט ביכער און העפטן פאַר זייערע קינדער.

ביים אַריינגאַנג אין שול זיינען געשטאַנען אַ סך שילער פון אלע קלאַסן.

אין קאָרידאָר באַגעגנט מיך דער לערער פון ערשטן קלאַס — אַ נידעריקער, אַ פריילעכער, אַ ליבער.

— נו, בערעלע — זאָגט ער צו מיר — איצט זעגענען מיר זיך שוין! אין צווייטן קלאַס וועסטו שוין האָבן אַ נייעם לערער.

דער קאָרידאָר איז פול, די קאַנצעלאַריע — אויך.

אומעטום — אַ טומל, אַ גערויש, ווי בינען וואָלטן זשומען.

צען אַ זייגער האָט מען אונדז אַריינגערופן אין קלאַס.

איך צייל איבער די קינדער. פיר און פערציק שילער.

ניט אַלע פון זיי זיינען מיינע פריערדיקע חברים. איינינקע פעלן, איינינקע זיינען צוגעקומען נייע.

אין שול איז מיר עפּעס אומעטיק.

איך דערמאָן זיך די בערג, דעם וואַלד, דאָס טייכל אין דאָרף.

ס׳קומט אַריין דער נייער לערער — אַ הויכער, אַ יונגער, מיט גוטע אויגן.

ער פרעגט אונדז, ווי אַזוי מיר האָבן פאַרבראַכט דעם זומער. יעדע־רער האָט אַ סאַך וואָס צו דערציילן. ס׳איז דאָ וואָס צו הערן און פון וואָס צו לאַכן.

אין קלאַס ווערט לעבעדיק און היימלעך.

ס׳ווערט מיר ווידער גוט און ס׳ווילט זיך גאָר ניט ליידן, וואָס דער קלונג רייסט איבער די לעקציע.

ה. שאַרלמאַן

געדענקסטו נאָך?

געדענקסטו נאָך, ווי דו ביסט צום ערשטן מאָל געגאַנגען אין שול? ביסט אויפגעשטאַנען זייער פרי, האָסט אויף גיך אַלץ צוגעגרייט. די מוטער האָט דיר געהאָלפן זיך אָנטאָן. זי האָט דיך אַוועקגעפירט אין שול.

סאַר אַ לאַנגער וועג עס איז געווען!

דו ביסט געקומען. דער לערער איז שוין געווען אין קלאַס. דו האָסט זיך אויף גיך אויסגעטאָן, און די מוטער האָט דיך אַריינגעפירט אין קלאַס. דאָרטן זיינען שוין געווען אַ סאַך קינדער, וועלכע דו האָסט נאָך קיין מאָל ניט געזען. אויפן טאָוול איז געהאַנגען אַ גרויס שיין בילד. דער לערער האָט דיך פריינדלעך באַגעגנט און געזאָגט דיר: „גוט מאָרגן“.

די מוטער האָט זיך געזעגנט און איז אַוועק.

אייניקע קינדער האָבן געוויינט און ניט געוואָלט זיין אין שול...

און דו? דו האָסט געוואָלט?

דער דעזשורער

היינט איז הירשקע דעזשורער. ער האָט אָבער ניט קיין חשק צו פאַר־בלייבן אַליין אין קלאַס. אינדרויסן איז אַזוי שיין, אַזוי גוט... אַלע קינדער לויפן ארום אויפן הויף, עס הערן זיך זייערע פריילעכע געלעכטערס.

עס ציט אים צו זיי.

ער טראַכט ניט לאַנג, טוט אַן עפן די טיר און מיט איין שפּרונג איז ער שוין אויפן הויף.

ער נעמט זיך שפּילן מיט די קינדער אין „דודע״.

— הירשקע! ביסט דאָך היינט דעזשורער! — דערמאָנט אים פּייוּקע.

הירשקע הערט אים ניט און שפּילט זיך ווייטער.

עס דערהערט זיך דער קלונג. די קינדער לויפן צוריק אין די קלאַסן.

עס קומט אַריין די לערערין. ערשט די פענצטער זיינען פאַרמאַכט, די לופט איז פאַרשטיקט, דער קלאַס איז ניט אויפגערוימט.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט די לערערין הירשקען — פאַר וואָס איז ניט אויפגערוימט דער קלאַס? — פאַר וואָס האָסטו ניט געעפנט די פענצטער?

הירשקע שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און ענטפערט ניט.

— ווייסטו, הירשקע, וואָס אַ דעזשורער דאַרף טאָן? — פרעגט ווידער די לערערין.

הירשקע ענטפערט אַלץ ניט.

— ווער קאָן זאָגן הירשקען, וואָס אַ דעזשורער דאַרף טאָן? — פרעגט די לערערין ביים קלאַס.

— ער דאַרף עפענען די פענצטער אויף דער הפסקה! — זאָגט איינער.

— ער דאַרף צוגרייטן קרייד! — שרייט אַ צווייטער.

— אָפּווישן דעם טאָוול! — גיט צו אַ דריטער.

— אָנגיסן טינט, אויב עס פעלט! — דערמאָנט אַ פערטער.

— אויפרוימען דעם קלאַס! — לייגט פאַר אַ פינפטער.

— ווייסטו שוין, וואָס אַ דעזשורער האָט צו טאָן? — ווענדט זיך די לערערין ווידער צו הירשקען מיט אַ פראַגע.

— און כדי אַזעלכע ייִנגלעך ווי דו זאָלן ווייטער ניט פאַרגעסן, וועלן מיר דאָס אַלץ פאַרשרייבן אויף פּאַפּיר און אויפהענגען אין קלאַס.

עטלעכע קינדער האָבן זיך אָנגענומען אָנצושרייבן אויף אַ פּאַפּיר די אַרבעטן, וואָס מע האָט פריער אויסגערעכנט, און באַפּוצן דאָס מיט צייכענונגען.

בעסער פון אַלעמען האָט די אַרבעט געמאַכט אברהמעלע ווײַנשטיין, און זיין בויגן האָט מען אויפגעהאַנגען אין קלאַס.

דער סמבטיון

דער רבי האָט דערציילט:

עס איז דאָ אַ גרויסער טייך מיטן נאָמען סמבטיון. די גאַנצע וואָך פאַלט איבערן סמבטיון אַ האָגל פון גרויסע שטיינער. דאָס וואַסער זידט און קאָכט, און קיינער קאָן דעם טייך נישט אַריבערגיין. און אויף יענער זייט טייך איז דאָ אַ שיין לאַנד, און יידן וווינען דאָרטן; מען רופט זיי „בני משה". נאָר שבת הערט אויף דער האָגל, און דער טייך רוט און פליסט באַזאַכט.

פרייטיק איז שמעון צוגעגאַנגען צום טאַטן און אַזוי געזאָגט:

— טאַטע, לאָמיר גיין צו דעם שיינעם לאַנד, אויף יענער זייט סמבטיון, וועלן מיר דאָרט זען די בני משה: שבת איז דאָך דער טייך רויק, קאָן מען דאָך אים אַריבערגיין.

— איידער מיר וועלן אַהין קומען, וועט דערווייל אַריבער דער שבת, און דער האָגל וועט ווידער אָנהייבן פאַלן, דאָס וואַסער — זידן, און מען וועט נישט קאָנען אַריבער — האָט געענטפערט דער פאָטער.

יעקב פאַט

אין דער ליבער קאָלאָניע

דער צווייטער קלאַס האָט אַליין פאַרנומען אַ גאַנצע שטוב אין דער קאָלאָניע.

מע האָט געדאַרפט אַליין אָנשטאָפּן אין אַלע זעק היי.

דאָס איז געווען אַ פריילעכע אַרבעט.

צום ערשטן מאָל איז גיטעלע אין אַזאַ גרויסן שייער מיט היי.

נאָך דעם האָט מען אַליין פאַרבעט די בעטן.

מע האָט געדאַרפט מאַכן פאָרהענגלעך איבער די פענצטער.

גיטעלע האָט געמאַכט איבער איר פענצטער אַ פאָרהענגל פון ראָזן פאַפּיר.

אַלע קינדער האָבן אויף די טישלעך און אויף די פענצטער אָנגעבראַכט בלומען.

נאָך דער אַרבעט האָט זיך גיטעלע אַרומגעוואַשן, האָט אָנגעטאָן אויף איר קעפּל איר רויט טיכל און איז געגאַנגען קוקן, ווי זעט עס אויס אין אַנדערע צימערן.

* * *

צום ערשטן מאָל שלאָפט מען אין אַזאַ שטוב אויף אַזוי פיל בעטלעך.

לאהלע איז אַ נאַר. זי וויינט — זי וויל אַהיים.

גיטעלע וואָלט טאַקע וועלן זען די מאַמען, אָבער זי וויינט ניט. זי האָט דאָך אלעמען אזוי צוגעזאָגט.

פאַר טאָג האָט די זון אַריינגעשיינט דורך די לאָדנס און געוועקט אַלע קינדער פון דער גאַנצער שטוב.

אַ סך הענער האָבן געקרייט.

אויפגעכאַפּט האָבן זיך אַלע מיט אַ מאָל, צוזאַמען.

ס׳איז געוואָרן רוישיק, פריילעך.

אַלע האָבן גערעדט, געלאַכט, געזונגען.

נאָך דעם האָט מען זיך צעטיילט מיט דער אַרבעט: ווער אויפצוראַמען, ווער אין קיך, ווער צו זיין וועכטערס אַרום די הייזער.

און ביים עסן איז געווען אַזוי פריילעך. די טישן זיינען געשטאַנען אין וואַלד. אַלע קינדער זיינען געזעסן ביי די טישן.

עס איז אַזוי שיין געווען צו קוקן אויף רחלען, ווי זי האָט געהאַט אַזאַ פולן מויל מיט חלה און געגעסן.

רחלע וועט ווערן אַ גראָבע! — האָט אויסגעשריען בערל.

און נאָכן עסן האָט מען זיך צעלייגט אויפן הייסן אָנגעגליטן באַרג.

י. גויכבערג

מזלדיקער האָז

מזלדיקער האָז,
מזלדיקער האָז,
פאַלסטו ניט אויפן שכל,
פאַלסטו אויף דער נאָז.

טראָגסט אַ נייעם רעקל,
האָט דער פלויט אַ טשוואָק,
גייסטו זען די ציגן,
בוקעט דיך דער באָק.

טוסטו אויס זיך באָרוועס,
טרעטסטו אָן אויף גלאָז,
גייסטו רייסן עפל,
פאַטשט דער באַלעבאָס.

שפּילסטו אין מלחמה,
טרעפט עס דיך אַליין,
כאַפּסטו אין די זייטן
באַלד דעם ערשטן שטיין.

שרייבסטו אָפּ אַ בלעטל,
גיסטו אויס דעם טינט,
גייסט אין גאַס זיך שפּילן,
בייסן דיך די הינט.

גייסט זיך זומער באָדן,
טרינקסטו זיך אין טייך,
גייסט זיך ווינטער גליטשן,
טוסטו פאַלן גלייך.

מזלדיקער האָז,
מזלדיקער האָז,
פאַלסטו ניט אויפן שכל,
פאַלסטו אויף דער נאָז.

ש. פרוג

פרילינג

דער פרילינג גייט, דער פרילינג גייט!
אַ פריש, אַ פריילעך ווינטל ווייט
אין וואַלד, אין פעלד, אין גאָרטן.

דאָס ווינטל ווייט, דאָס ווינטל פליט.
אַ ליד, אַ זיסע פרילינגליד
דערהערט דאָס קינד פון דאָרטן.

די שטראַלן שיינען, און פון זיי
צעגייט דער לעצטער אייז און שניי.

דער העלד

ס׳איז געווען אַ קאַלטער שנייאיקער ווינטער. ווען ס׳איז אָנגעקומען דער פרילינג, האָט דער שניי אָנגעהויבן זיך צו שמעלצן.

צום אומגליק זיינען נאָך געשטאַנען רעגנדיקע וועטערן. די טייכן האָבן זיך פלוצלונג אויפגעעפנט, און ס׳איז געוואָרן אַ געוויסער.

אין איין שטאָט האָט דאָס וואַסער פאַרגאָסן אַלע הייזער, וואָס זיינען געשטאַנען ביים ברעג טייך. די קריעס האָבן זיך געקלאַפט אָן די הייזלעך און געבראָכן זייערע ווענט.

אַלע מענטשן פון אָט די הייזלעך האָבן זיך באַצייטנס געראַטעוועט. נאָר אין איין קליינעם שטיבל איז פאַרבליבן אַ מוטער מיט צווי קליינע קינ־דערלעך. די מוטער האָט גענומען די קינדערלעך אויף די הענט, אַרויסגע־בויגן זיך דורכן פענצטער און שרעקלעך געשריען פון שרעק.

אַרום שטיבל זיינען געשווומען גרויסע קריעס. זיי האָבן זיך אָנגעקלאַפּט אָן די ווענט, און דאָס שטיבל האָט זיך קוים געהאַלטן.

דאָס האָבן געזען מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף יענער זייט טייך. אַ גרויס רחמנות האָט זיי אָנגענומען אויף דער אומגליקלעכער מוטער מיט אירע קינדערלעך. אייניקע האָבן אפילו געוויינט פון צער, צוזעענדיק, ווי די אָרימע מאַמע פּייניקט זיך.

העלפן אָבער האָט מען ניט געקאָנט. אַ שיפל איז אפילו געווען, נאָר ווי זאָל מען שווימען צווישן אַזעלכע קריעס?

— מע קאָן נאָך אַליין דערטרונקען ווערן!...

מיט אַ מאָל איז פון געזעמל אַרויס אַן אומבאַקאַנטער מענטש, אָרים געקליידט, און האָט געזאָגט:

— ווי לאָזט מען דאָס מענטשן אומקומען? איך שווים גלייך זיי צו ראַטעווען!

און ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין שיפל און געלאָזט זיך שווימען צום שטיבל.

אַלע זיינען מיט אַ מאָל אַנטשוויגן געוואָרן און האָבן געקוקט, ווי דער אומבאַקאַנטער האָט זיך דורכגעשטופּט מיט זיין שיפל צווישן די שטיקער אייז. באַלד האָט ער דערגרייכט ביזן שטיבל.

אַ געשריי פון פרייד האָט זיך ביי אַלעמען אַרויסגעריסן, ווען דער ד ר י י ס ט ע ר אומבאַקאַנטער האָט אַריינגעזעצט אין שיפל די מוטער מיט אירע צוויי קינדער.

— אָט איז אַ העלד! אָט דאָס איז מיט אַן אמת אַ גוט האַרץ! — האָבן אַלע זיך ניט געקאָנט אָפּוווּנדערן.

דער אומבאַקאַנטער איז צוגעשווומען צום ברעג, האָט אַרויסגעזעצט די פרוי מיט די קינדער און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

רבקה גאַלין

פּורים

פּורים, פּורים, שלח־מנות,
קאַלאַקאַטקעס און מתנות —
איי, וואָס ס'ווילט זיך טאָן!...

גוטע זאַכן וועט מען נאַשן,
מע וועט באַקן המן־טאַשן —
אָנגעפילט מיט מאָן.

ס׳איז אַ שאָד נאָר בנאמנות,
וואָס איין טאָג איז שלח־מנות.
ס׳האָט געדאַרפט זיין נאָך.

נייטיק וואָלט מען דאַרפן מאַכן
פורים און די גוטע זאַכן
כאָטש אַ יעדע וואָך.

שלח מנות

— „זיסל, זיסל, קליינע זיסל,
אפשר זאָגסטו,
וואָס פאַרמאָגסטו
אין דיין שלח־מנות־שיסל ?״

ענטפערט זיסל :
— „כ׳האָב אין שיסל
אַלץ צו ביסל,
אַלץ צו ביסל :

כ׳האָב אַ צוקערל אַ זיסן
נאָר אויף שמחות צו געניסן,
און אַ טייטל אַ געשמאַקן
און כ׳האָב ניסעלעך צום קנאַקן,

און אַ טאָרט האָב איך אַ גאַנצן
און כ׳האָב זיבן פאָמעראַנצן,
און צום נאַשן און צום נאַשן
אָנגעפילטע המן־טאַשן, —

אַלץ צו ביסל, אַלץ צו ביסל
און ביז פסח צום געניסן !״

* * *

— „בערל, בערל, קליינער בערל,
זייז נאָר, וואָס האָסטו צום נאַשן :
בייגלעך, טייגלעך, המן־טאַשן,
פייגן, מאַנדלעך, פאָמעראַנצן ?״ —

ענטפערט אומעטיק
קליין בערל :
— „כ׳האָב עס אויפגענאַשט אינגאַנצן !״

רעטעניש

איך בין באַוווסט, געשמאַק בין איך,
איך בין פון טייג געמאַכט אין קיך;
איך בין נישט רונד, דרייעקיק גאָר,
אַ גרויס פאַרשוין אַ טאָג אין יאָר
מיך עסן גערן יונג און אַלט...
ווי איז מיין נאָמען? טרעפט זשע באַלד.
ווער ס'טוט אַ לעק און טוט אַ נאַש,
דער ווייס, אַז איך הייס...

אַ קריג

בערל האָט געזאָגט:
— אין פרילינג ווערן די נעכט קירצער.
— פאַרקערט — מאַכט פייוול — אין פרילינג ווערן די טעג לענגער.
— ניין, די נעכט קירצער! — שרייט בערל.
— ניין, די טעג לענגער! — שרייט פייוול.
צעלאַכט זיך די מאַמע:
— וואָס קריגט איר זיך? איר הערט, וואָס איר רעדט?
די קינדער האָבן אַ טראַכט געטאָן און זיך אויך צעלאַכט.

י. קאַצענעלסאָן

אין ניס

קומט דער פסח אָן —
שפּילן מיר אין ניס!

קליין איז דאָך מיין פּיסעלע,
נאָענט איז דאָס ניסעלע,

דריי טריט מיט די פיס
מעסט איך אָפּ אויף גיך,
און איך טראַכט ביי זיך:

טרעף איך נאָר אין דעם,
טו איך עס אַ טעם

פלינק, געשווינד און ראַש
גלייך צו זיך אין טאַש.

און איך טרעף אַלץ גלייך,

ווער איך טאַקע רייך:

כ'האָב אַ פולע ניס!
כ'האָב אַ פולע ניס!

שלום עליכם

פייטל און פעדקאַ

פעדקאַ איז אין איינע יאָרן מיט פייטלען. אַ גאַנצן ווינטער ליגן די ביידע קינדער יעדער ביי זיין טאַטן אויפן אויוון, ציען זיך צום פענצטער און בענקען איינס נאָך דאָס אַנדערע. זעלטן, זעלטן ווען זיי האָבן די זכיה צו זען זיך. נאָר אָט איז אַוועק דער ווינטער, דער לאַנגער בייזער ווינטער. אָט האָט זיך אויפגעדעקט די שוואַרצע ערד פון איר ווייסן קאַלטן שלייער. און אַ שיין האָט געטאָן די זון, און אַ טריקן האָט געטאָן דאָס ווינטל. און אַ גרעזל האָט זיך באַוויזן, און דאָרטן באַרג־אַראָפּ דאָס טייכל זשומזשעט, און דאָס קעלבל האָט צעלאָזט די נאָזלעכער און נישטערט, און דער האָן האָט צוגעמאַכט איין אייגל און שטייט אַ פאַרטראַכטער. און אַלץ אַרום און ארום האָט אויפגעלעבט, אַלץ גריסט, אַלץ פרייט זיך: ס'איז ערב פסח! — דעמאָלט קאָן מען שוין מער ניט איינהאַלטן אין שטוב ניט פייטלען, ניט פעדקאַן. ביידע כאַפּן זיך אַרויס אויף גאָטס וועלט, וואָס האָט זיך געעפנט פאַר זיי ביידן גלייך, און ביידע נעמען זיי זיך פאַר די הענט און מע לאָזט זיך לויפן אַהין, צום באַרג, וואָס שמייכלט צו זיי ביידן גלייך: „קינדער, אַהער!" און מע שפרינגט אַקעגן דער זון, וואָס גריסט זיי ביידן גלייך און רופט זיי ביידן צו זיך: „קינדער, אַהער!" ביידע האָבן זיי וואָס צו דערציילן — אַזאַ לאַנגן ווינטער ניט געזען זיך. פייטל באַרימט זיך פאַר זיין חבר פעדקאַ, אַז ער קען שוין כמעט דעם גאַנצן אלף־בית. און פעדקאַ באַרימט זיך, אַז ער האָט אַ בייטש. באַרימט זיך פייטל, אַז ביי זיי איז היינט ביי נאַכט פסח. ביי זיי איז שוין דאָ מצות אויף אַלע אַכט טאָג פסח און ווייַן אויף אַרבע כוסות. „געדענקסט, פעדקאַ, פאַראַיאָרן האָב איך אַרויסגע־טראָגן אַ מצה?" „מאַצאַ?" — זאָגט פעדקאַ, און איבער זיין חנעוודיקער מאָרדע צעגיסט זיך אַ ברייט שמייכעלע. אַפנים, ער האָט זיך דערמאָנט דעם טעם פון דער פאַראַיאָריקער יידישער מצה... „ביסט אַ בעלן, פעדקאַ, פאַרזוכן איצט אַ שטיקל מצה?" „מאַצאַ?" — אַ שעלה אַביסל, אויב פעדקאַ איז אַ בעלן? מע דאַרף נאָך פרעגן! „נו, קום־זשע אַהין", זאָגט אים פייטל און ווייזט אים

אויפן באַרג, וואָס גרינט צו זיי און ווינקט צו זיי: „אַהער, קינדער, אַהער!"... און ביידע דראַפּען זיך אַרויף אויף אַ באַרג, בלייבן שטיין אַ ווײַלע ווי פאַרכישופט, קוקן דורך די פינגער אויף די שפּילנדיקע שיטערע שטראַלן פון דער ליבער זון און טוען זיך אַ וואָרף ביידע אויף דער נאָך פייכטלעכער ערד, וואָס שמעקט שוין מיט גרינעם, און פייטל שלעפּט אַרויס פון אונטערן פּאָלע אַ פרישע, אַ ווייסע, אַ קײַלעכדיקע מצה, אָנגעשטאָכן אין דער לענג און אין דער ברייט פון ביידע זייטן מיט קליינע לעכעלעך. און פעדקאַ באַלעקט זיך שוין באַצײַטנס, נאָך איידער פייטל האָט צעשפּאָלטן די מצה פּונקט אויף דער האַלב און צעטיילט זיך מיט זיין חבר. „וואָס וועסטו זאָגן, פעדקאַ, אויף דער מצה?" — וואָס זאָל פעדקאַ זאָגן, אַז ס'איז ביי אים אַ פול מויל מיט מצה, וואָס טרעשטשעט אונטער די ציין און צעגייט אויף דער צונג אַזוי ווי שניי? נאָך איין מינוט — און אויס מצה. „מער נישטאָ?"... — טוט אים פעדקאַ אַ קוק אַריין מיט גרויע אויגן אונטערן לייבסערדאַק און באַלעקט זיך ווי אַ קאַץ נאָך פּוטער. „דו וואָלסט דען געגעסן נאָך?" — פרעגט אים פייטל תמעוואַטע, קײַענדיק דאָס לעצטע שטיקל מצה, און קוקט אויף אים שעלמיש מיט כיטרע שוואַרצע אייגלעך.

אַ שאלה אַביסל, אויב פעדקאַ וואָלט געגעסן נאָך!

— טאָ וואַרט אַ ביסל — זאָגט פייטל — איבער אַ יאָר וועט זיין נאָך...

ביידע צעלאַכן זיך פון דער המצאה און, ניט געזאָגט איינער דעם אַנדערן קיין וואָרט, גלייך ווי מע האָט זיך צונויפגערעדט פריער, טוען זיך ביידע אַ וואָרף און אַ קאַטשע אַראָפּ, ווי צוויי קנוילן, גיך־גיך, באַרג אַראָפּ.

זון אין הימל

זון אין הימל! זון אין הימל!
שיק אונדז, שיק אונדז ליכט אַ סאַך,
ליכט אויף בערג און ליכט אויף גריבער,
ליכט אין שטוב ווי אויפן דאַך.

זון אין הימל! שיק דיין ליכט אונדז
פאַר דעם פויגל אויפן צווייג,
פאַר דעם לעמעלע אין שטעלכל,
פאַר דעם הינדעלע אין שטייג.

שיק דיין ליכט פאַר אַלץ, וואָס אָטעמט,
אין דער שטאָט און אויפֿן פעלד,
פאַר די מענטשן, פאַר די גראָזן,
פאַר דער גאַנצער גרויסער וועלט!

מ. פערלין

דאָס פייגעלע

פייגעלע, דו פייגעלע!
בלייב אַ ווײלע שטיין!
לאָז אָנקוקן דיך, פייגעלע,
דו ביסט דאָך אַזוי שיין!
אַ קעפּל ווי אַ ניסעלע,
אַ דריי אַהער, אַהין...

כאַפּט אַ ווייסן ברעקעלע,
קוקט זיך אום דערפרייט,
אַ שאָקל מיטן עקעלע,
די פליגעלעך צעשפּרייט —
פּרר!... אין בלאָען הימעלע
פליט עס שוין געשווינד.

זעט נאָר סאַר אַ פיסעלע,
מאַמינקעס, ווי דין!
שפּילט זיך מיטן שנאָבעלע,
וואַרפט עס הין, צוריק,
דערלאַנגט אין זאַמד אַ גראָבעלע,
אַ נישטער און א פּיק;

אויף זיין דינער שטימעלע
רעדט עס מיטן ווינט...
אַך, לאָז אַראָפּ זיך, פייגעלע!
אַ רגעלע בלייב שטיין!
לאָז מיך זען דיך, פייגעלע,
דו ביסט דאָך אַזוי שיין!

שלום עליכם

איך און דאָס קעלבל

איך גיי מיט אייך אין געוועט, אויף וויפל איר ווילט, אַז קיינער אין דער וועלט איז נישט געווען אַזוי צופרידן מיטן וואַרעמען ליכטיקן נאָך פּסח, ווי איך, פּייסי דעם חזנס יינגל, מאָטל, און דעם שכנס קעלבל, וואָס מע רופט „מעני".
ביידע גלייך האָבן מיר דערפילט די ערשטע שטראַלן פון דער וואַרע-

מער זון אינעם ערשטן וואַרעמען נאָך פּסחדיקן טאָג,ביידע גלייך האָבן מיר דערשמעקט דעם ריח פונעם ערשטן גרינעם גרעזעלע, וואָס קריכט, שפּראָצט אַרויס פון דער נאַר וואָס אָפּגעדעקטער ערד, און ביידע גלייך זיינען מיר אַרויסגעקראָכן פון דער פינצטערער ענגשאַפט צו באַגעגענען דעם ערשטן זיסן ליכטיקן וואַרעמען פרילינג־מאָרגן.

אַרויסגעכאַפּט זיך אויף גאָטס פרייער ליכטיקער וועלט, האָבן מיר ביידע, איך און מעני, זיך גענומען אויסדריקן אונדזער צופרידנקייט.

איך האָב אויפגעהויבן ביידע הענט אַרויף, אויפגעעפנט דאָס מויל און אַריינגעצויגן אין זיך די פרישע וואַרעמע לופט אַזוי פיל, וויפל איך האָב געקאָנט. און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך וואַקס אין דער הייך און עס ציט מיך אַרויף, אַרויף אין דער טיפער, טיפער בלויער יאַרמלקע אַריין, דאָרט, וווּ די שיטערע רויכיקע וואָלקנס שוועבן, דאָרט, וווּ די ווייסע פויגלען טיקן זיך, באַווייזן זיך און ווערן פאַרשווונדן מיט אַ קוויטש און מיט אַ צוויטשעריי.

און עס רייסט זיך אַרויס פון מיין אָנגעפילטער ברוסט אָן מיין וויסן אַ מין געזאַנג, אַ געזאַנג אָן ווערטער, אָן נאָטן, אָן אַ שום ניגון.

גאַנץ אַנדערש האָט דאָס אויסגעדריקט מעני, דעם שכנס קעלבל.

מעני, דעם שכנס קעלבל, האָט קודם אַריינגעשטעקט די שוואַרצע נאַסע מאָרדע אין מיסט אַריין, אַ שאַר געטאָן מיטן פאָדערשטן פיסל די ערד אונטער זיך אַ מאָל דריי, פאַרריסן דעם עק, אויפגעשפּרונגען נאָך דעם אויף אַלע פיר און אַרויסגעלאָזט אַ טומפּיקן „מע!"

איך האָב מיך געמוזט צעלאַכן און כ'האָב נאָכגעמאַכט פונקט דעם איינגענעם „מע" מיטן זעלביקן נוסח, וואָס מעני.

מעניך איז דאָס, ווייזט אויס, געפעלן, וואָרעם עס האָט לאַנג נישט גענומען, האָט דאָס קעלבל איבערגעחזרט דאָס אייגענע נאָך אַ מאָל, מיטן זעלביקן נוסח און מיטן שפּרונג.

איך האָב דאָס באַלד נאָכגעטאָן מיט אַלע פּיטשעווקעס, מיטן קול און מיטן שפּרונג.

אַזוי עטלעכע מאָל: איך אַ שפּרונג, דאָס קעלבל אַ שפּרונג; דאָס קעלבל אַ „מע", איך אַ „מע".

ווער ווייס, ביז וואַנען די שפּיל וואָלט זיך געצויגן, ווען נישט אַ שנייד פון אונטן אין האַלדז אַריין פון מיין עלטערן ברודער אליהו מיט אַלע זיינע פינף פינגער:

— קיין חרפּה ניט! אַ בחורל פון פינף יאָר שטעלט זיך אַוועק טאַנצן מיט אַ קעלבל!... אין שטוב אַריין גיי, דו הולטיי איינער!...

נחום יוד

דער פרילינג קומט!

דער פרילינג קומט, דער פרילינג קומט!
דאָס טייכל רוישט, דאָס טייכל ברומט.
די זון פון העלן הימל שיינט.
איך האָב געזען שוין שוואַלבן היינט,
די פרי־יאָר־געסט, די ליבע געסט.

ווי פריי און ליכטיק איז אין פעלד!
אַ נייע וועלט, אַ שיינע וועלט.
אַ גוטער מלאך האָט ביי נאַכט
די בלימלעך אויף דער ערד געבראַכט,
און ס׳פליען פלאַטערלעך אַרום
פון גראָז צו גראָז, פון בלום צו בלום.

און רוישיק איז אין אַלטן וואַלד.
ער וועט אין גאַנצן גרין זיין באַלד.
די צווייגן ציען זיך אַרויף,
די ברוינע קנאָספּן בליען אויף.
עס רוישט און שאַלט און זינגט און ברומט:
דער פרילינג קומט! דער פרילינג קומט!

די בינען אין אָנהייב פרי־יאָר

ס׳איז אָנגעקומען דער פרי־יאָר. די זון האָט גענומען וואַרעמען. דער שניי אויף די פעלדער איז צעגאַנגען. צווישן די פאַראַיאָריקע גרעזער האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן פרישינקע גרעזעלעך.

אויף דיביימער האָבן זיך געעפנט די קנאָספּן, און ס׳זיינען אַרויסגעקראָכן פון זיי יונגינקע בלעטעלעך.

די בין האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר ווינטערשלאָף, האָט אויסגעריבן די אייגעלעך מיט די האָריקע לאַפּקעלעך און אויפגעוועקט אירע חברטעס.

און זיי האָבן אַלע אַרויסגעקוקט אין דרויסן צו זען, צי איז שוין צעגאַנ־
גען דער שניי און אייז, צי איז שוין פאַרשוווּנדן דער קאַלטער ווינט.

האָבן די בינען דערזען, אַז די זון שיינט שוין העל, אַז אומעטום איז ליכטיק און וואַרעם. זיינען זיי אַרויס פון בינשטאָק און אַוועקגעפלויגן צום עפּלבוים.

— האָסטו אפשר, עפּלביימעלע, עטוואָס שפּייז פאַר אונדז, בינען? מיר זיינען פאַרחלשטע, פאַרשמאַכטע פון הונגערן אַ גאַנצן ווינטער.

— ניין, בינעלעך, איר זייט צו פרי געקומען. מיינע בלומען זיינען נאָך באַהאַלטן אין די קנאָספּן — האָט דער עפּלבוים געענטפערט — פרעגט זיך נאָך ביים קאַרשנבוים.

זיינען די בינען אַוועקגעפלויגן צום קאַרשנבוים.

— טייערער קאַרשנביימעלע! האָסטו ניט וואָס־עס־איז פאַר די פאַר־
הונגערטע אָרימע בינען?

— קומט צו מיר מאָרגן געוואָר ווערן, ליבינקע — האָט דער קאַרשנבוים געענטפערט — היינט איז נאָך אויף מיר קיין איין בלימעלע ניטאָ. ווען זיי וועלן זיך פונאַנדערוויקלען, וועל איך אייך צונעמען מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

די אומעטיקע, פאַרשמאַכטע בינען האָבן שוין געוואָלט זיך אומקערן אַהיים. נאָר פּלוצלונג האָבן זיי דערזען אונטער אַ קוסט אַ קליין בלוי בלימעלע. דאָס איז געווען אַ פיילכל.

דאָס פיילכל האָט געעפנט פאַר די בינען זיין בעכערל, וואָס איז געווען פול מיט שמעקעדיקן זיסן זאַפט.

די הונגעריקע בינען האָבן זיך אָנגעגעסן, אָנגעטרונקען און געבראַכט אַהיים דעם ערשטן האָניק.

נאָכן אַקער

יאַנקל מיטן טאַטן אַקערן דאָס פעלד. דער טאַטע האַלט דעם אַקער און יאַנקל פירט די פערד.

ווי נאָר דער טאַטע האָט איבערגעקערט אַ פּאָר שטיקער ערד, זיינען אָנגעפלויגן שוואַרצע ראָבן.

— קראַ! קראַ! קראַ! קראַ!

— אַהער, אַהער, שוועסטער! דאָ איז פאַראַן וואָס צו נאַשן! — רופן זיי איינע די אַנדערע.

נאָך יעדער פריש־איבערגעקערטער שטיק גייען זיי נאָך. יעדער ראָב געפינט זיך אַ פעטן וואָרעם.

אַנגעפרעסן זיך צו זאַט, פליט איין פּאַרטיע אַוועק, און גלייך קומט צו פליען אַן אַנדערע.

— מע דאַרף זיי אַוועקטרייבן! — זאָגט יאַנקל צום טאַטן — וואָס גייען זיי אונדז נאָך?

— מע דאַרף ניט! מע דאַרף ניט! זאָלן זיי נאָכגיין! — ענטפערט דער טאַטע. — זיי עסן דאָך אויף די ווערים, וואָס צעפרעסן אונדזערע יונגע געוויקסן. די ראָבן זיינען אונדזערע העלפער. לאָמיר זיי לאָזן צו רו. זאָלן זיי עסן צו זאַט און אויסרייניקן אונדזער פעלד.

— אויב אַזוי, — זאָגט יאַנקל — זאָל זיי זיין צו געזונט. מיט פיל אַפּעטיט!

מ. באָגדאַנסקי

רעגנטראָפּנס

טראָפּנס, טראָפּנס, רעגנטראָפּנס,
מאַכט די ערד אונדז פייכטער;
מאָרגן אויפן פעלד די אַרבעט
וועט אונדז ווערן לייכטער.

נאָכן אַקער וועל איך מאָרגן
גיין דער זון אַנטקעגן;
טראָפּנס, טראָפּנס, רעגנטראָפּנס, —
מיר איז ליב דער רעגן.

טראָפּנס, טראָפּנס, רעגנטראָפּנס,
מאַכט די ערד אונדז פעטער;
יעדער טראָפּן וועט אַן אוצר
ברענגען פאַר אונדז שפּעטער.

ש. פ ר ו ג

דאָס זריה־קערנדל

ניט קיין וואָרעם, ליכטיק שטיבעלע
האָט דער פויער מיר געמאַכט:
אין אַ קאַלט און פינצטער גריבעלע
ליג איך איינזאַם טאָג און נאַכט!

אַך, פינצטער איז מיר,
ענג איז מיר דאָ!
קיין טויער, קיין טיר,
קיין פענצטער ניטאָ —
איך ליג דאָ אין שטויב און אין שימל.

עס מוז זיין אַ סוף,
עס וועט זיין אַ סוף
צום פראָסט און צום שטורעם,
צום פינצטערן שלאָף!
דער פרילינג, דער פרילינג וועט קומען.

איך לעב אָבער, ברידער,
איך לעב! — ווייל איך וואַרט,
איך ווייס דאָך, ניט אייביק
וועט הערשן די נאַכט —
די וואָלקנס באַדעקן דעם הימל!

מיט ליכט און מיט וואַרעמקייט,
פרייד און געזאַנג,
און פריילעך וועט שפּראָצן
מיין גאָלדענע זאַנג
פון צווישן דעם גראָז און די בלומען.

אונדזער גערטעלע

אונדזער קלאַס האָט באַקומען אַ ווינקעלע אויפן שולגאָרטן. אַרבעטן אויפן שולגאָרטן — דאָס איז אונדזער גרעסטע פרייד.

מיר האָבן אַלע אָנגעבראַכט רידלען און זיך געשטעלט גראָבן.

— גראָבט טיף! — האָט אונדז געזאָגט דער לערער.

מיר האָבן זיך געפלייסט מיט אַלע כּוחות, אַריינגעשטעקט די רידל טיף, אונטערגעשטופּט מיטן פוס, אַזש דער שווייס האָט גערונען.

די, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין רידלען, האָבן צונויפגעקליבן די שטיינער און צונויפגעוואָרפן זיי אין אַ קופּע.

מיר פילן זיך גאָרניט פאַרמאַטערט און וואָלטן, דאַכט זיך, געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג.

צעגראָבן די ערד, האָבן מיר געמאַכט בייטן. דער לערער האָט זיי אויסגעגלייכט, מיר האָבן זיי אַרומגעלייגט מיט ווייסע שטיינדלעך.

דאַן האָבן מיר גענומען זייען. מיר האָבן געמאַכט לאַנגע גראָבנדלעך, אַריינגעשאָטן אַהין קערנער און ווידער באַשאָטן מיט ערד.

אויף די בייטן האָבן מיר אויך פאַרפלאַנצט פאַרשיידענע בלומען: אויסגעגראָבן טיפע גריבעלעך, אַריינגעשטעקט אַהין די פלאַנצן, פעסט צוגעדריקט אַרום די ערד און גלייך באַגאָסן. אונדזער גערטעלע איז פאַרטיק. איצט דאַרפן מיר נאָר אָפּט באַגיסן די בייטן.

י. ל. פרץ

דאָס גערטל

אוי, איך וועל אַ פרייד דערלעבן!
מיר אין גאָרטן אָפּגעבן
אַ בייט אַ גאַנצע שוואַרצע ערד.
פייגעלעך, איר הערט?

בלעטלעך זויבער איך געני.
דער הימל — נישט געקאַרגט קיין טוי,
וואַקסן בלימעלעך ווי גאָלד.
זאָגט, איר האָט זיי האָלט?

געאַקערט גוט האָב איך די בייט
און מיט בלימלעך אויסגעזייט.
אַ בלימל נאָך אַ בלימל שפּראָצט.
פייגעלעך, איר גלאָצט?

שפּרינגט אייך, פייגעלעך, און היפּט,
נאָר קיין בלעטעלעך געציפּט!
קיין שאָדן נישט געמאַכט ביי מיר!
פייגעלעך, קיין ריר!

לאָזט זיי בליען, לאָזט זיי שמעקן.
אַניט, איר זעט? — כ'האָב אַ שטעקן
און פאַריאָג אייך, אויב איר שטערט!
פייגעלעך, איר הערט?!

מיר פאָרן אויף אַ שפּאַציר

אין קלאַס איז אַ פרייד, אַ שמחה. די לערערין האָט אונדז געמאָלדן, אַז מאָרגן פאָרן מיר מיט דער גאַנצער שול אויף אַ שפּאַציר.

— וווהין פאָרן מיר, לערערין? — פרעגן די קינדער.

— קיין בויבעריק!... און אַנדערהאַלבן שעה וועלן מיר פאָרן מיט דער אייזנבאַן. — ענטפערט די לערערין.

מיר פרייען זיך נאָך שטאַרקער, ווייל פון אונדזער קלאַס איז נאָך קיינער קיין מאָל ניט געפאָרן מיט דער אייזנבאַן.

די לערערין זאָגט אונדז אָן, מיר זאָלן מיטנעמען עסן אויף אַ גאַנצן טאָג און קומען פּינקטלעך צו דער צייט.

אויף מאָרגן גאַנץ פרי זיינען מיר שוין געוועזן אין שול, אַלע פריילעכע, מונטערע, מיט די פּעקלעך אויף די פּלייצעס.

מיר באַטראַכטן איינע ביי די אַנדערע די פּעקלעך, דערציילן איינע די אַנדערע, ווי אַזוי מע האָט זיך געקליבן אין וועג אַריין, ווי אומגעדולדיק מע

האַט געוואָרט. פּלוצלונג — טרו—טרו—טרו! — אַ סיגנאַל. מיר שטעלן זיך אין פּאָרן און שפּרייזן פריילעכע צום וואָקזאַל.

די פאַרבייגייער שטעלן זיך אָפּ קוקן אויף אונדז.

מיר גייען שטאָלץ, מיט אויפגעהויבענע קעפּ.

די קינדער פאַרוואַרפן די לערערין מיט פראַגן:

— ווו איז די באַן? ווו גייט מען אַריין?

— וואַרט, קינדער, וואַרט, באַלד וועט איר אַלץ זען — ענטפערט די לערערין.

מיר קומען אַריין אין וואָקזאַל. ס'איז אַ מאַסע מענטשן!

מע פירט אונדז אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרם.

מיר גייען שטיל, אַ ביסל דערשראָקן.

מע הייסט אונדז אַריין אין אַ וואַגאָן.

ווי מאָדנע עס זעט אויס! אַ שטיבעלע אויף רעדער. אַ קלונג. אַ געשריי — „אָפּפאָר!" אַ לאַנגער פייף — און די באַן רירט זיך.

מיר שטייען ביים פענצטער און קוקן. מאָדנע: אויף צוריק לויפן הייזער, ביימער, טעלעגראַפן־סלופּעס.

אָט לויפט פאַרביי אַ באַרג, א וואלד.

באלד דערפילן מיר — דער צוג גייט לאַנגזאַמער. דאָס גייט ער איבער אַ בריק.

מיר זעען אונטער אונדז אַ וואַסער.

ס'דערהערט זיך אַ פייף און פארביי אונדזער וואַגאָן פליט פאַרביי אַן אנדער צוג, אזוי גיך, אז מיר שפּרינגען דערשראָקן אָפּ פון פענצטער. נאָך עטלעכע מינוט. אונדזער צוג בלייבט שטיין.

— געקומען! — זאָגט די לערערין.

מיר גייען ארויס פון וואַגאָן.

ווי שטיל דאָ איז! ווו־ניט־ווו אַ הייזל. גרינע פעלדער. איינציקע ביימער.

— נאָך ווייט צום וואַלד? — פרעגן מיר.

מע ווייזט אונדז אָן אויף אַ באַרג. מיר לאָזן זיך גיין אַהין.

אָפּגעגאַנגען א שטיקל וועג, זעצן מיר זיך אָפּרוען, בייסן צו און גייען ווייטער.

דער וואַלד איז אַלץ נענטער, אָבער דער באַרג זעט אויס אַלץ העכער.

— נו, ווער וועט אַרויפקלעטערן גיכער? — וועטן זיך די קינדער.

אלע נעמען קלעטערן. ד ע ר פאַלט, ד ע ר קוליעט זיך איבער, ד ע ר נעמט גאָר קריכן אויף אַלע פיר. אַ פּאָר מיידלעך זעצן זיך צו און זאָגן, אז ווייטער קאָנען זיי שוין ניט גיין.

עס איז געווען גענוג געלעכטער, ביז מיר זיינען דערקראָכן צום וואַלד!

ווי שיין דאָ איז! הויכע, הויכעביימער, מיט אַזוי פיל שאָטן!

אַראָפּגעוואָרפן די פּעקלעך, אויסגעטאָן די שיך, טאַנצן מיר פּאָר פּרייד. עטלעכע וואַרפן זיך אויפן גראָז, נעמען זיך קייקלען. סאַראַ שיינע בלימעלעך אין גראָז! ביילקע און ליבקע כאַפּן זיך גלייך אָנרייסן בוקעטן.

יודקע און בערקע זיינען גאָרניט מיד. זיי נעמען שוין קלעטערן אויף די ביימער. עטלעכע וואַרפן זיך מיט שישקעס.

— טרו—טרו—טרו! — מע האָט געבראַכט מילך, וואָס די לערערין האָט באַשטעלט. מיר עסן אָפּ. ווי געשמאַק עס איז די קילע מילך אויף דער פרישער לופט! אַלע עסן מיט גרויס אַפּעטיט.

די זעקלעך ווערן ליידיק. מע קלייבט צונויף אַלע פּאַפּירן און שאָלעכצן אין איין זאַק. פאַרן אַוועקגיין וועלן מיר אַלץ פאַרברענען.

מיר מוזן לאָזן דעם וואַלד ריין, ווי מיר האָבן אים געפונען. ערשט נאָכן עסן הייבן זיך אָן די רעכטע שפּילן. מע באַמערקט גאָרניט, ווי דער טאָג רוקט זיך אַוועק. ניט אַלע קינדער שפּילן זיך. די עלטערע זיינען אַוועק זיך באָדן. יודקע און בערקע, פון אונדזער קלאַס, זיינען מיט זיי מיטגעגאַנגען. מיר האָבן גאָרניט באַמערקט, ווי זיי זיינען ניט געוואָרן. אָבער יודקעס שוועסטער, ציפּעלע, האָט זיך באַלד ארומגעזען, אז איר ברודער איז נישטאָ. האָט זי גענומען וויינען.

די לערערין באַרויקט זי, און מיר לאָזן זיך אַלע גיין צום טייכל. ניט ווייט פון טייכל באַגעגענען מיר שוין די חברה־לייט גייענדיק צוריק.

מיר וואָלטן זיך אויך וועלן אויסבאָדן. די לערערין דערלויבט אונדז אָבער ניט.

די לערערין זעט דעם זייגער.

שפּעט. מיר מוזן זיך איילן צו דער באַן.

ס'ווילט זיך ניט. ס'העלפט אָבער ניט. מיר לייגן צונויף די פּעקלעך און לאָזן זיך צוריק.

איין טרייסט האָבן מיר — אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועלן מיר ווידער קומען אַהער.

י. אַדלער

אַ שיינער טאָג

אַ שיינער טאָג, אַ פרילינג־טאָג
וואַכט אויף אין מיין זיכרון,
אַ ליבער טאָג, אַ גאָלדענער,
פון מיינע קינדער־יאָרן.

איך שטיף אין אונדזער גערטעלע.
די ווינשל־ביימער בליען.
עס פלאַמען מיינע בעקעלעך:
די אייגעלעך — זיי גליען.

עס זאָגט מיר אָן די מאַמעניו,
דאַן זאָל איך קומען עסן.

איך זאָל זיך ניט פאַרגעסן:
ווען גרייכן וועט די זון צום שטאַל,
דער טאַטע הערט זיך איין און קוועלט
און גיט דערביי אַ שמייכל,
און זאָגט מיר אָן: „למען השם,
פאַרקריך ניט ווייט אין טייכל!"

י. ל. פרץ

גראָז שפּראָצן

גראָז שפּראָצן, ס'שפּראָצן בלומען,
פייגל פּיפּצען, טויבן ברומען,
ס'קלינגט דאָס וואַסערל דערפרייט:
פרילינג־צייט! פרילינג־צייט!

עס קלינגט און זינגט, פלוישט און ברומט:
פרילינג קומט, פרילינג קומט!

פרילינג קומט אויף אַלע וועגן,
לויפט דעם ליבן גאַסט אַקעגן!
לויפט צום וואַלד, לויפט צום פעלד,
אומעטום אַ פרייע וועלט!
עס קלינגט און זינגט, פלוישט און ברומט:
פרילינג קומט, פרילינג קומט!

מ. ראָזנפעלד

מאַי

ווידער איז דער מאַי געקומען
מיט זיין צויבער, מיט זיין פראַכט!
אַלע גראָזן, אַלע בלומען
האָבן ווידער אויפגעוואַכט.

ווידער בליט עס אויף די פעלדער,
ווידער גרינט עס אין די וועלדער,
ווידער גלאַנצט עס אומעטום —
יעדעס בלעטל, יעדע בלום.

י. ל. פרץ

ווי יאַנקעלע גייט שלאָפן

יאַנקעלע האָט אָפּגעגעסן פאַר נאַכט און אָפּגעטרונקען, און די מאַמע אין צווייטן צימער מאַכט אים זיין געלעגער צו רעכט.

— יאַנקעלע, שלאָפן! — רופט די מאַמע.

יאַנקעלע האָט די מאַמען ליב — דאָס לעבן. דערפאַר אָבער שלאָפן צו גיין האָט ער פיינט. פאָלגן אַ מאַמען דאַרף מען — דאָס ווייסט יאַנקעלע זייער גוט. אָבער ער איז דאָך איין איינציק קינד. ער וועט איבערבעטן די מאַמען. מיט איין קוש בעט ער זי איבער.

לאָזט זיך יאַנקעלע, די מאַמע זאָל נישט זען, אַראָפּ אונטערן טיש. פון אונטערן טיש שלייכט ער זיך שטיל, שטיל פון שטוב אַרויס.

עס איז געווען זומערצייט. יאַנקעלע גייט באָרוועס. כאַפּט ער זיך אין הייזל אַריין און וויל ארויס אויפן הויף.

אָבער אין הויף איז שוין פינצטער. האָט יאַנקעלע מורא, כאָטש ביי טאָג קען ער יעדעס ברעקל ערד אויפן הויף און איז חבר־לאַפּ מיט אַלע זיינע באַוווינער.

אָבער אַזאַ שאָטן!

און אויך די פיסלעך האָבן ניט קיין גרויס חשק צום הויף. אַ קלייניקייט זיך אָנגעלאָפן איבערן טאָג!

זעצט זיך יאַנקעלע אַנידער אויף דער שוועל און קוקט אין הויף אַריין.

זיצט ער איין מינוט, צוויי, אפשר דריי און מער, עפּעס די אייגעלעך הייבן זיך אָן צו קלעפּן.

גייט פאַרביי ציגעלע־מיגעלע מיטן ציטערדיקן בערדעלע און שטעלט זיך אָפּ פאַר יאַנקעלען שאָקלענדיק מיטן בערדעלע און פרעגט:

— וויפל, אַ שטייגער, קאָן זיין דער זייגער?

— אַכט, — ענטפערט יאַנקעלע, וואָס האָט געהערט דעם זייגער שלאָגן אין שטוב.

ענטפערט ציגעלע־מיגעלע:

— אויב אַכט — אַ גוטע נאַכט! — און גייט זיך אַוועק.

וואונדערט זיך יאַנקעלע, וואָס ביי נאַכט רעדט ציגעלע־מיגעלע ווי אַ מענטש און צום גראַם.

ווייזט זיך אָבער אויס, אַז ניט ציגעלע־מיגעלע אַליין רעדט ביי דער נאַכט צום גראַם.

די קאַץ אויף דער צוים זאָגט:

— זעט נאָר, זעט, אַזוי שפּעט! וואַש איך מיך נאָך איין מאָל אָפּ — און אַראָפּ!

און זי שפּרינגט אַראָפּ פון צוים און פאַרשווינדט. גאַפט יאַנקעלע נאָך מער. הערט ער אָבער די קו פון שטאָל:

— איי־ליו־ליו, קעלבעלע מיין,
אָפּגעלעקט האָב איך דיך ריין,
שלאָף־זשע שטיל און רויק איין!

עפנט יאַנקעלע אַ מויל און לאָזט אַרויס — אַ גרויסן געגעץ.

קומט אונטער פון הינטן די מוטער, כאַפּט אים הינטער־אַרום און הייבט אים אויף און טראָגט אים קושנדיק אין בעטל אַריין.

ער וויל פרעגן די מוטער, וואָס דאָס אַלץ באַטייט, אָבער קושנדיק האָט אים די מוטער דאָס מיילכל פאַרמאַכט, און יאַנקעלע איז איינגעשלאָפן נאָך ביי דער מוטער אויף די הענט.

י. קאַצענעלסאָן

צום זייגער

זייגערל, זייגערל אויף דער וואַנט!
זאָג וואָס קלאַפּסטו נאָך אַנאַנד?
רעדסט און רעדסט פון פרי ביז שפּעט —
זאָג, ווער זיצט אין דיר און רעדט?

צי אַ יונגער? צי אַן אַלטער?
צי אַ הייסער? צי אַ קאַלטער?
צי אַ מיידל? צי אַ ייִנגל? —
קלאַפּט אויס טיק־טאַק מיטן צינגל?

טיק—טאַק! טיק—טאַק! שטיל און זאַכט,
טיק—טאַק! טיק—טאַק! טאָג און נאַכט.

לאַטקעס

די מאַמע באַקט לאַטקעס, און זעקס קליינע קינדער שטייען אַרום איר.

מאַמעלע, גיב מיר אַ לאַטקע! — זאָגט איינער.

— מאַמעלע, טייערע, גיב מיר אַ לאַטקע! — בעט דער צווייטער.

— מאַמעלע, טייערע, ליבינקע, גיב מיר אַ לאַטקע! — בעט דער דריטער.

— מאַמעלע, טייערע, ליבינקע, האַרציקע, גיב מיר אַ לאַטקע! — בעט דער פערטער.

— מאַמעלע, טייערע, ליבינקע, האַרציקע, גוטינקע, גיב מיר אַ לאַט־קע! — בעט דער פינפטער.

— מאַמעלע, טייערע, ליבינקע, האַרציקע, גוטינקע, שיינינקע, גיב מיר אַ לאַטקע! — בעט דער זעקסטער.

— באַלד, באַלד, קינדערלעך מיינע — ענטפערט די מאַמע — אָט קער איך נאָר איבער, דערלאַנג איך צום טיש אַ פולע שיסל מיט לאַטקעס.

רבקה גאַלין

די מאַמע

אין פענצטער איז נאָך פינצטער.
עס שלאָפן נאָך די קינדער.
און זי — זי גייט שוין שטילערהייט,
זי ברענגט שוין פרישע מילך און ברויט
פאַר די קליינע קינדער.

אין אָוונט שלאָגט דער זייגער.
עס שלאָפן שוין די קינדער.
און זי — זי זיצט זיך שטילערהייט,
זי זיצט און העמדלעך ווייסע נייט
פאַר די קליינע קינדער.

פאַרוואָס די מאַמע איז ניט געגאַנגען אין קינאָ

אין שטוב איז פריילעך. די קינדער לויפן אַרום פון איין ווינקל אין אַנדערן, פון שטוב אין גאַס.

מע רייניקט זיך, מע פוצט זיך — ס'איז לעבעדיק.

— וואָס איז?

— מע גייט אין קינאָ!

עס גייען אַלע: דער טאַטע, די מאַמע און אלע קינדער: חיהלע און פייעלע און שייעלע און בערעלע און שמערעלע.

די מאַמע טוט זיך אָן. בערעלע מיטן טאַטן זיינען שוין אין דרויסן אָנגעטאָנענע.

— מאַמע, איך בין שוין אויך פאַרטיק! — רופט אויס שמערעלע און לויפט אַרויס אין דרויסן.

בערעלע דערציילט שמערעלען, אַז היינט וועט מען מיסתמא אויך ווייזן אין קינאָ די צאַפּלמענטשעלעך און די שיפן אויפן ים.

באַלד גייט די מאַמע אויך אַרויס אַן אָנגעטאָנענע און צוזאַמען מיט איר — חיהלע, פייעלע און שייעלע.

דער טאַטע נעמט פאַרשליסן די טיר.

פּלוצלונג כאַפּט ער זיך — דער שלאָס איז צעבראָכן.

שלעכט. וואָס טוט מען דאָ?

— איז דאָך דאָ די באָבע! — שרייט אויס בערעלע.

— די באָבע שלאָפט. — זאָגט חיהלע.

— מע דאַרף זי אויפוועקן. זאָל זי אויפשטיין און פאַרקייטלען די טיר פון אינעווייניק — זאָגט שמערעלע.

און ער לאָזט זיך שוין לויפן אויפוועקן די באָבען.

— שאַ, שאַ, מיין קינד — באַרויקט אים די מאַמע — מע דאַרף די באָבען ניט וועקן. איך וועל אַליין בלייבן אין שטוב.

— מיר דאַרפן דאָך גיין אין קינאָ! — וווּנדערט זיך שמערעלע אויף דער מאַמען.

— איך וועל בלייבן, און איר אַלע גייט זיך געזונטערהייט און האָט פאַרגעניגן.

און אַזוי איז טאַקע געווען. די מאַמע איז געבליבן, און די קינדער מיטן טאַטן זיינען אַוועק.

זיי האָבן אָבער דעם גאַנצן וועג ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס די מאַמע האָט געטאָן. ווען זי וועקט אויף די באָבען, וואָלט זי דאָך אויך געגאַנגען אין קינאָ. פאַר וואָס איז זי געבליבן אין דער היים?

מאַמעס יום־טוב־טאָג

אויפגעשטאַנען זיינען מיר
פריער פאַרן מאָרגן.
היינט איז מאַמעס יום־טוב־טאָג,
דאַרף זי גאָרנישט זאָרגן.

אויסגערייניקט, אויפגערוימט
האָבן מיר די דירה.
מעג די מאַמע גיין אַ טאַנץ
מיט די קינדער אירע.

דרך ארץ

די מאַמע האָט געלערנט איר שמואליקן דרך ארץ: „אַז דו ווערסט קומען אין שטוב אין דער פרי, זאָלסטו זאָגן: „גוט מאָרגן", אין אָוונט, זאָלסטו זאָגן: „גוטן אָוונט", שבת, זאָלסטו זאָגן: „גוט שבת" און יום־טוב, זאָלסטו זאָגן: „גוט יום טוב!".

איינמאָל שבת נאָכן עסן איז שמואלקע געקומען צו זיין פעטער. אַריינגייענדיק אין שטוב, האָט ער געשווינד געכאַפּט און געזאָגט: „גוט מאָרגן", „גוטן אָוונט", „גוט שבת", „גוט יום טוב".

די אמתע מאַמע

אַ מאָל, אין שלמה־המלכס צייטן, האָבן געוווינט אין איין שטוב צוויי פרויען.

ביידע האָבן זיי געהאַט צו קליינע קימפּעט־קינדער פון איין עלטער.

איין מאָל ביי נאַכט האָט איינע פון דיביידע מוטערס שלאָפנדיק דערשטיקט איר קינד. אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט דערזען, אַז איר קינד איז טויט, האָט זי עס שטילערהייט אַוועקגעלייגט ביי איר שכנטע און דער שכנטעס לע־בעדיק קינד צוגענומען צו זיך.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט יענע פרוי זיך אויפגעכאַפּט און געוואָלט אָנזייגן איר קינד; אָבער דאָ האָט זי דערזען, אַז לעבן איר ליגט אַ פרעמד, טויט קינד. האָט זי גענומען זוכן איר אייגן קינד און האָט עס געפונען ביי דער צווייטער פרוי אין בעט.

— גיב מיר אָפּ מיין לעבעדיק קינד און נעם דיר דיין טויט קינד — האָט זי גענומען פאָדערן פון איר שכנטע.

יענע האָט אָבער אַלץ אָפּגעלייקנט.

— דאָס לעבעדיקע קינד איז מיינס! — האָט זי געשריען.

לאַנג האָבן די פרויען זיך געקריגט און צום סוף זיינען זיי אַוועק צו אַ דין־תורה צו שלמה המלך, דעם קליגסטן פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט.

שלמה המלך האָט אויסגעהערט זייערע ביידנס טענות און האָט אַזוי געפּסקנט.

אַזוי ווי עס איז אוממעגלעך צו דערגיין דעם אמת, וועמעס איז דאָס לעבעדיקע און וועמעס איז דאָס טויטע קינד, זאָל מען דאָס לעבעדיקע קינד צעשניידן אויף העלפט און צעטיילן צווישן ביידע מוטערס.

— נעם דעם שווערד און צעשנייד דאָס קינד! — האָט שלמה געזאָגט צו אַ זעלנער פון זיין וואַך.

— גוט! זאָל זיין ניט מיר, ניט איר! — האָט אויסגעשריען די פאַלשע מאַמע מיט שמחה.

— ניין! ניין! זאָל שוין דאָס קינד בעסער בלייבן ביי איר, נאָר זאָל מען עס ניט טויטן, — האָט מיט אַ געוויין גענומען בעטן די אמתע מאַמע און האָט זיך געוואָרפן צו שלמהס פיס, ברעכנדיק די הענט.

— אָט די איז די אמתע מאַמע, ווייל ביי איר איז דאָס קינד טייער — האָט שלמה געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף דער וויינענדיקער פרוי: — גיט איר אָפּ דאָס קינד!

ערב שבת

פרייטיק פאַר נאַכט. אַלע גרייטן זיך אויף שבת.

רייזעלע זיצט אין עס־צימער ביים טיש. אירע צעפּעלעך זיינען פּייכט און די אייגעלעך פינקלען פון טרערן. די מאַמע האָט זי נאָר וואָס געצוואָגן און

זי האָט געוויינט. אָבער איצט איז זי פריילעך. רייזעלע קוקט אויפן טיש, וואָס איז אַזוי שיין פאַרפּוצט און אָנגעשטעלט מיט אלדאָס גוטס. אויפן טיש איז פאַרשפּרייט אַ שניי־ווייסער טישטעך, די שבת־ליכט ברענען, גאָפּל, מעסער און לעפל בלישטשען, די שבת־חלות זיינען צוגעדעקט מיט אַ שיינעם טישטעכל, וואָס די מאַמע האָט אויסגעשטריקט, און אין פלאַש רויטלט זיך דער וויין.

די מאַמע האָט געענדיקט איר אַרבעט און זי זעצט זיך אָפּרוען, זי קוקט מיט ליבשאַפט צו די קינדער. נאָך אַ ווײַלע וועלן זיך אַלע זעצן עסן.

י. קאַטלער

שאַ, דער זיידע שלאָפט

אין אַ ווינטערדיקן שבת,
אויפן אויוון ביי דעם זיידן
שפּילן זיך דאָרט אייניקלעך.
— „ששש !... מע טאָר נישט ריידן —

האָט די באָבע זיי געזאָגט —
ווייל דער זיידע שלאָפט אין בעט".
האָט זי זיי געגעבן לעקעך
און געקושט זיי און געגלעט.

— באָבע ! באָבע ! איך זיץ שטיל !
באָבע, אַיאָ ? איך ניט ריידן ? —
אויסגעשריען האָט איין קינד
און — האָט אויפגעוועקט דעם זיידן.

ל. האָפמאַן

דעם זיידנס טאַבאַק־פּושקע

— זיידע, ווייז דיין טאַבאַק־פּושקע,
איך וויל אויך אַ שמעק.
— גיי, דו ביסט אַ שטיפער ! — זאָגט ער,
און ער גייט אַוועק.

טראַכט איך : אַז דער זיידע ט'שלאָפן,
קיינער וועט ניט זיין,

וועל איך אויף די שפּיצן פינגער
אין זיין שטוב אַריין,
אויסזוכן די פּושקע טאַבאַק
און זיין לאַנגן ראָק,
אָנמעסטן די גרויסע ברילן,
אומגיין מיט זיין שטאָק.

טאַבאַק וועל איך קאָנען שמעקן,
וויפל נאָר איך וויל,
וועל איך אויסזען ווי אַ זיידע —
אוי, אַ שיינע שפּיל!

וויל איך עפּענען די פּושקע,
קאָן איך ניט — ס'איז שווער;
רייס איך זי מיט אַלע כּוחות,
דריי זי הין און הער.

שאַ, דער זיידע מוז שוין שלאָפן —
בין איך באַלד ביים טיר;
שפּאַן אריין צו אים אין קאַמער,
ס'הערט זיך ניט קיין ריר.

ביז עס רייסט זיך אויף דאָס דעקל
מיט אַ גרויסן קנאַל.
פליט אין נאָז און אין די אויגן
טאַבאַק ביטער גאַל...

כאַפּ איך זיידנס ראָק פון בעטל,
זוך די טאַבאַק אויס,
נעם דעם שטעקן און די ברילן,
און איך גיי אַרויס...

האַפּטשי! האַפּטשי! זיידע! זיידע!
גיכער קום אַהער!
האַפּטשי! אוי, די אויגן, זיידע!
כ'וועל ניט טאָן דאָס מער!

שטעל איך זיך אַנטקעגן שפּיגל
אין דעם זיידנס ראָק,
מיט די ברילן אויף די אויגן,
אין מיין האַנט דעם שטאָק.

קומט דער זיידע שנעל צו לויפן...
„האַפּטשי! וואָס איז דאָס?"
— אוי, מיר ביטער אין די אויגן,
ביטער דאָ איז נאָז!

„זעסט — זאָגט ער — וועסט נאַשן טאַבאַק
אַז דער זיידע שלאָפט?"
כ'ווייס — איך בין געווען אַ שלעכטער,
האָט מיך גאָט געשטראָפט.

אַ קלוגער ענטפער

אַ ייד איז געגאַנגען אין וועג. זעט ער: אַ קינד טראָגט אַ פאַרדעקטן קרוג.

פרעגט דער ייד ביים קינד:

— וואָס טראָגסטו דאָס אין דעם פאַרדעקטן קרוג?

ענטפערט אים דאָס קינד:

— וואָלט די מאַמע וועלן, מע זאָל וויסן, וואָס איך טראָג, וואָלט זי מיר ניט הייסן פאַרדעקן.

לאה ק. האָפמאַן

פּיוועלע

פּיוועלע איז געווען אַ קינד, וואָס האָט ניט ליב געהאַט זיך איינצו־הערן, וואָס מע רעדט צו אים. די מאַמע האָט זיך גערעדט דאָס איריקע, און ער האָט ניט געהערט און זיך גערעדט דאָס זייניקע.

האָט די מאַמע געזאָגט: „גיי ניט אין דרויסן, דו וועסט זיך פאַר־קילן!" — האָט ער געזאָגט: „איך וויל אין דרויסן!"

נאָר אויסגעפירט האָט די מאַמע, זי האָט צוגעשלאָסן די טיר.

— טאָ זיץ לעבן מיר, מאַמע, און דערצייל מיר מעשיות — האָט פּיי־וועלע געפּאָדערט.

— איך האָב קיין צייט ניט. כ'האָב נאָך אַזוי פיל אַרבעט צו טאָן!

— איך וויל מעשיות! — האָט ער געמאָנט.

— איך האָב קיין צייט ניט, זאָג איך דיר!

— אָבער מיר איז אומעטיק, דערצייל מיר עפּעס, מאַמע!

האָבן זיי זיך לאַנג געדונגען, ביז די מאַמע האָט איבערגעלאָזט פּיוועַ־לען אַליין און איז אַוועק אין קיך טאָן איר אַרבעט.

דאָס האָט פּיוועלען זייער פאַרדראָסן, און ער האָט געטראַכט:

— אין דרויסן זיך שפּילן לאָזט די מאַמע ניט. אליין איז זי אַלע מאָל פאַרנומען. ביי טאָג טוט זי איר אַרבעט, און אין אָוונט לייגט זי אים שלאָפן און גייט אַוועק אין קינאָ. אים זאָגט זי, אַז זי גייט אין שפּיטאָל, ווו ער האָט מורא צו גיין.

אויף מאָרגן ביים מיטאָג דערציילט זי דעם פּאַפּאַ, וואָס זי האָט געזען אין קינאָ, און זי מיינט, אַז ער הערט ניט.

פּיוועלע ווייס פון אַלץ. ער ווייס אפילו, אַז די מאַמע האָט אויסגע־פרעגלט איינגעמאַכטס. ער האָט געפונען דעם לעפל, מיט וועלכן זי האָט גע־מישט. זי וועט אים נאָך היינט מוזן געבן אַ טעלערל איינגעמאַכטס. אַז ניט, וועט ער — יאָ, וואָס זאָל ער אַזוינס טאָן, אַז ניט? וויינען העלפט ניט. ניט עסן איז אויך קיין פּלאַן ניט: די מאַמע קאָכט אַזעלכע געשמאַקע זאַכן! טאָ וואָס זאָל ער טאָן?

האָט פּיוועלע זיך אוועקגעזעצט מיט אויפגעשטעלטע קניען און גע־נומען טראַכטן.

— פּיוועלע, ווועסט עסן אַן אייעלע? — האָט די מאַמע געפרעגט פון קיך.

— ניין! — האָט ער געענטפערט.

— פאַר וואָס?

— דער קאָפּ טוט מיר וויי!

דאָס אַרויסגעזאָגט, איז ער געוועזן זייער צופרידן. איצט וועט ער זיך מאַכן קראַנק, און די מאַמע וועט שוין מוזן זיצן לעבן אים, און איינגעמאַכטס וועט זי אים אויך מוזן געבן. ווייל אז ער איז קראַנק, גיט מען אים אלץ, וואָס ער וויל.

האָט ער זיך אַריינגעלייגט אין בעט און געוואַרט, די מאַמע זאָל קומען און זען, ווי קראַנק ער איז.

באַלד איז אַריינגעלאָפן די מאַמע אַ דערשראָקענע:

— וואָס איז דיר, מיין קינד?

— איך ווייס ניט — האָט ער געענטפערט רויק, ווי איינער, רעדט: דאָס איז דאָך דיין געשעפט, ניט מיינס.

האָט די מאַמע צוגעלייגט איר קאַלטע האַנט צו זיין קעפל און ס'האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז ער האָט טאַקע וואַרעמקייט.

מער פעלט איר ניט, דאָס קינד זאָל איר נאָך קראַנק ווערן, זי וועט אפשר פון זינען אַראָפּ, האָט זי געטראַכט, און איז געבליבן שטיין אַ צע־טומלטע. קודם־כל וועט זי רופן דעם דאָקטאָר, וועט זי דאָך גלייך וויסן, וואָס עס טוט זיך מיט אים. און טאָמער, חלילה, שלעכט, וועט זי טעלעפאָנירן צום מאַן. פּיוועלע איז דערווייל געלעגן אין בעט און הנאה געהאַט, וואָס די מאַמע איז אַזוי צעטראָגן וועגן אים. גוט, זאָל זי וויסן, ווי אים איבערלאָזן אַלע אָוונט אַליין! לעבן אים זיצט זי ניט, און וואָס ער וויל עסן, דאָס גיט זי אים ניט. איצט, אַז ער וועט זאָגן: מאַמע זיץ לעבן מיר, וועט זי שוין זיצן, און מעשיות וועט זי אים דערציילן, וויפל ער וועט נאָר אַליין וועלן, נאָר דאָס ערשטע וועט ער בעטן אַ טעלערל איינגעמאַכטס.

— וועט דער דאָקטאָר קומען? — האָט פּיוועלע דערהערט זיין מאַ־מעס שטימע ביים טעלעפאָן.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער זיך דערשראָקן, — זי רופט דאָך גאָר דעם דאָקטאָר!... שלעכט!... אָן דעם האָט ער זיך גאָר פאַרגעסן. וואָס טוט מען? דעם דאָקטאָר האָט ער שרעקלעך פיינט.

— מאַמע! מאַמע! — האָט ער גענומען שרייען — רוף ניט דעם דאָקטאָר, איך בין שוין געזונט!

נאָר די מאַמע האָט זיך צו זיינע רייד ניט צוגעהערט.

פּיוועלע האָט דערזען, אַז ער האָט זיך אַריינגעדרייט אין אַ צרה, האָט ער זיך געוואָלט אַרויסדרייען. נאָר אַ מזל האָט ער געהאַט, אז וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט, האָט ער שוין ניט געקאָנט פאַרריכטן. אַז ער האָט צעבראָכן די וואַזע פון די בלומען, איז זי שוין געבליבן א צעבראָכענע, כאָטש די מאַמע

האָט אים געשלאָגן דערפֿאַר, און אים האָט אויך פֿאַרדראָסן... און איצט, אַז ער האָט ארויסגעזאָגט דאָס וואָרט, אַז דער קאָפּ טוט אים ווי, מוז ער שוין זיין קראַנק... אמת, ער קאָן אויספּירן, אַז די מאַמע זאָל זיצן לעבן אים, נאָר קיין מעשׂיות וועט זי אים ניט דערציילן. זי איז צעטומלט.

דאָ דערמאָנט זיך פּיוועלע ווידער אָן דעם איינגעמאַכטס.

— מאַמע, גיב מיר אַ טעלערל איינגעמאַכטס! — האָט ער אַ זאָג געטאָן, און די אייגעלעך האָבן ביי אים אויפגעלויכטן.

— וואָס דרייסטו אַ מוח? ווער האָט איינגעמאַכטס? — האָט די מאַמע פּרובירט אָפּלייקענען.

— דו האָסט געקאָכט — האָט פּיוועלע געענטפערט מיט זיכערקייט.

— אַלצדינג ווייסט דאָס! — האָט זיך די מאַמע געוווּנדערט, — דו קאָנסט, מיין זון, קיין איינגעמאַכטס איצט ניט קריגן, עס וועט דיר פֿאַרשאַטן, דו ביסט דאָך קראַנק.

— אָט האָסטו דיר — האָט ער זיך געטראַכט — איז גאָר קראַנק זיין אַ חסרון צו קריגן איינגעמאַכטס!

כאָטש דאָס איז געווען זיין איינציקע האָפענונג.

און ער האָט גענומען פּראָטעסטירן.

— אַז איך בין געזונט, גיסטו מיר ניט קיין איינגעמאַכטס און אַז איך בין קראַנק, גיסטו מיר אויך ניט, טאָ ווען וועסטו עס מיר געבן?

— דו עסט זיך גענוג אָן מיט זיסע זאַכן, מיין זון, איינגעמאַכטס טויג ניט פֿאַר דיר, זאָג מיר בעסער, וואָס האָסטו גענאַשט? איכל דיר דאַרפֿן געבן אָן אָפּפירונג.

— ניין, ניין! — האָט ער זיך דערשראָקן — איך וויל ניט קיין רפֿואות, כ'האָב גאָר נישט גענאַשט, כ'האָב בלויז אָפּגעלעקט דעם לעפל פון די קאַרשנ־זאַפט, מער גאָרנישט.

פֿון איינגעמאַכטס איז שוין געווען אָפּגערעדט. באַלד איז טאַקע גע־קומען דער דאָקטאָר, און ס'האָט ניט געהאָלפן, וואָס פּיוועלע האָט געטענהט, אַז ער איז געזונט. דער דאָקטאָר האָט זיך געטאָן דאָס זייניקע: געהייסן ווייזן די צונג, געקוקט אין האַלדז, געקלאַפּט אין רוקן, אים געדרייט אַהין און אַהער, און די מאַמע איז געשטאַנען א פּאַרציטערטע און געוואַרט אויף דעם דאָקטאָרס ענטפער.

— ס'איז גאָר נישט, — האָט דער דאָקטאָר זי באַרויקט — קיין היץ האָט ער ניט, דער פּולס איז נאָרמאַל, גיט אים אָן אָפּפירונג, און זאָל ער זיין אַ פּאָר טעג אין בעט, וועט ער זיין געזונט.

דערצו האָט ער נאָך אָנגעשריבן אַ רעצעפּט.

— איך דאַרף ניט קיין אָפּפירונג און קיין רפואות! איך בין געזונט! — האָט דער קליינער פּראָטעסטירט. אָבער קיינער האָט אים ניט געגלויבט.

און פייוועלע האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז דאָ זייער מיאוס ארייג־געפאַלן.

צוויי טעג האָט ער געמוזט ליגן אין בעט. אָן אָפּפירונג האָט אים די מאַמע אַריינגעגאָסן מיט גוואַלד, כאָטש ער האָט געצאַפּלט מיט די פיס און געשריען, וויפל כוח ער האָט געהאַט. און רפואות האָט ער אויך געמוזט נעמען, זיך נישט געקאָנט העלפן. דער טאַטע האָט אים צוגעהאלטן דעם קאָפּ, און די מאַמע האָט אויפגעריסן ס׳מויל.

זיי, די גרויסע, האָבן אויסגעפּירט דאָס זייעריקע.

קיין עסן האָט מען אים אויך ניט געגעבן.

דער טאַטע און די מאַמע האָבן זיך אַריינגעגאָסן צו דריי לעפל קאַרשנ־זאַפט אין די טיי, און אים האָט מען אפילו ניט געגעבן אָפּלעקן דעם לעפל!...

אַז פייוועלע האָט דאָס אַלץ באַטראַכט, האָט ער זיך ביטער צעוויינט אויף זיין מזל, וואָס ער איז אַ קליינער, און די גרויסע קאָנען טאָן מיט אים, וואָס זיי ווילן.

און פייוועלע האָט געטראַכט:

— פאַר וואָס מאַכט ניט גאָט, אַז קינדער זאָלן זיין גרויסע?...

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

אַ מאַנטל פון אַ טונקעלן געוואַנטל

ביי אַ שניידער אין קאַמאָרע,
פול מיט קינדער, קיין עין־הרע,
קינדער פּיצעלעך ווי מאָן,
שטייט אַ וויגל אויבנאָן.

איצטער הייבט זיך אָן די מעשה,
נישט פון ציגעלעך קיין ווייסע,
נאָר אַ מעשה פון אַ מאַנטל
פון א טונקעלן געוואַנטל.

האָט מען אויפגענייט אַ מאַנטל
פון אַ טונקעלן געוואַנטל
פאַרן עלטסטן בחור שמואל,
ער זאָל קאָנען גיין אין שול.

גייט אים שמואליק יאָרן דריי,
איז דער מאַנטל שפּאָגל־ניי.
גייט אים שמואליק נאָך אַ יאָר,
איז דער מאַנטל שענער גאָר.

איין מאָל שמואליק טוט אים אָן
איז דער מאַנטל קורץ אין סטאַן.

ווערט אַ טומל אין קאַמאַרע:
— נאַ דיר גאָר אַ נייע צרה!
שמואליק טוט דעם מאַנטל אָן,
איז דער מאַנטל קורץ אין סטאַן!

נו, איז מילא —
טוט שוין אָן דעם מאַנטל ביילע.

גייט אים ביילע יאָרן דריי,
איז דער מאַנטל שפּאָגל־ניי.
גייט אים ביילע נאָך אַ יאָר,
איז דער מאַנטל שענער גאָר.

איין מאָל ביילע טוט אַ שפּיי,
פּלאַצט אין מאַנטל נעטלעך דריי.

ווערט אַ טומל אין קאַמאַרע:
— נאַ דיר גאָר אַ נייע צרה!
טאָמער ביילע טוט אַ שפּיי,
פּלאַצט אין מאַנטל נעטלעך דריי!

וואָס־זשע קאָן דאָ זיין דער מער?
גייט אין מאַנטל יאָסל־בער.

גייט ער אין אים יאָרן דריי,
איז דער מאַנטל שפּאָגל־ניי.
גייט ער אין אים נאָך אַ יאָר,
איז דער מאַנטל שענער גאָר.

איין מאָל פאַלט ער אויף די טרעפּלעך,
און אַ סוף צו אַלע קנעפּלעך.
ווערט אַ טומל אין קאַמאַרע:

— נאַ דיר גאָר אַ נייע צרה!
גיין און פאַלן אויף די טרעפּלעך
און פאַרלירן אַלע קנעפּלעך!

און עס פּסקנט דאָס געזינדל:
— זאָל שוין גיין אין מאַנטל הינדל.

גייט אים הינדל יאָרן דריי,
איז דער מאַנטל שפּאָגל־ניי.
גייט זי אין אים נאָך אַ יאָר,
פעלט דעם מאַנטל נישט קיין האָר.

איין מאָל ווערט אַ גרויסער טומל,
אַלע שטייען אין אַ רומל,
הינדל כליפּעט אויפן בעט —
ט׳אָנגעוואָרן אַ מאַנקעט.

שרייען אַלע, אַלע, אַלע:
— דאָס־איז־דאָס אַ מויד אַ כלה!
ליגט און כליפּעט אויפן בעט!
ווי פאַרלירט מען אַ מאַנקעט?

האָט שוין אָנגעטאָן דעם מאַנטל
איצט דער ייִנגסטער בחור פאַנטל.

— פאַנטל, פאַנטל, איי איז דאָס
אַ בחורעץ!
חברט זיך מיט הינט און קעץ,
יאָגט זיך נאָך יעדן וואָגן,
שלאָגט זיך, ווערט אַליין געשלאָגן,
מיאַוקעט, פּייפט, און שרייט,
און בילט.
און די מאַמע לאַכט און שילט.

האָט שוין אָנגעטאָן דעם מאַנטל
איצט אָט־דער־אָ תכשיט פאַנטל.

האָט ער באַלד דעם ערשטן טאָג
אָפּגעפּליקט אַ גאַנצן ראָג,
און אויף מאָרגן אין דער פרי —
אויסגעהאַקט אַ לאָך אין קני.

און דעם זעלבן טאָג פאַר נאַכט
אָן אַ קאָלנער אים געבראַכט,
מיט צוויי לעכער גרויס ווי אויגן
אין דיביידע עלנבויגן.

ווערט אַ טומל, אַ געשריי:
— אַך, און אָך, און ווינד און וויי!
אַזאַ מאַנטל, אזא מאנטל
פאַלט אריין צום תכשיט פאַנטל.

איין מאָל פאַנטל איז ניט פויל,
קומט צו לויפן נאַקעט, הויל.
שרייען אַלע פאַר אַ מאָל,
אלע, אלע אין איין קול:

— תכשיט, שייגעץ, פלעדערמויז,
ווו דער מאַנטל? זאָג נאָר אויס!

ענטפערט זיי דער ווילער יונג
מיט אַזאַ־אַ שאַרפער צונג:

— כ׳האָב פון אים דעם רעכטן לאַץ
אָפּגעשענקט דער שוואַרצער קאַץ,
און דערנאָך דעם לינקן לאַץ
אָפּגעשענקט דער ווייסער קאַץ,
און די רעשטע — לאָך אויף לאָך,
ט׳אָנקומען די צווייטע וואָך.

ווערט א טומל, אַ געשריי:
— אַך און אָך, און ווינד און וויי!
אַזאַ מאַנטל, אַזאַ מאנטל
פאלט אריין צום תכשיט פאַנטל!

הענדל

גייט זיך הענדל מיט אַ זייט, מיטן גרויסן עק פאַרדרייט. זינגט זיך לידער שיינע, קלייבט זיך ברעקלעך קליינע:

— קאָ — קאָ — קאָ, צעפּודלטע! קאָ — קאָ — קאָ, צעקודלטע! אַהער־צו יאָגט זיך, נאָר ניט שלאָגט זיך! איך האָב לידעלעך געקרייט און האָב ברעקלעך אָנגעגרייט פאַר אייך, מיינע הינדעלעך! עסט — אַ געזונט אין אייך! נאָר ניט רייסט זיך, נאָר ניט בייסט זיך!

— וואָס פּיקסטו זי אין קעפּל? זי כאַפּט ביי דיר פון טעפּל? וואַרט נאָר אַ ווײַלינקע! אָט וועל איך דיר, געלינקע! — האָט הענדל געזאָגט, די קאָמפּאַניע צעיאָגט, פאַרדרייט מיטן עק און ווייטער אַוועק זוכן ברעקלעך ווידער, זינגענדיק לידער!

יעקב גלאַנץ

אַ טויט קעצעלע

געשטאָרבן אַ קעצל
אויף הפקר פון גאַסן.
אַ גרוילעכע קעצל
מיט ווייסלעכע פאַסן...

און גאַס האָט געיאָגט זיך,
גאַס איז געפלויגן. — —
געשטאָרבן אַ קעצל
מיט גרינלעכע אויגן...

נ ח ו ם י ו ד

די ראַבע הון

כאַפּט זיך אויף די הון די ראַבע
מיט אַ טומל און געשריי:

— אוי, אַ גדולה אויף דער באַבע,
אָט האָב איך געלייגט אַן איי!

נאָר דעם הינערשן געזינדל
גייט אין גאַנצן דאָס ניט אָן;
נו, פאַרדריסט דאָס אונדזער הינדל,
גוואַלדעוועט זי אויף דעם האָן:

אייער לייג איך,
באָרוועס גיי איך,
ניי מיר אויף כאָדאַקעס*);
אייער לייג איך,
באָרוועס גיי איך,
ניי מיר אויף כאָדאַקעס...

שטייט דער האָן, אַ גרויסער שוטה,
שטייט און ווייס ניט וואָס צו טאָן;
טרייסלט זיך זיין באָרד די רויטע:
קוקו־ריקו־ריקו־האָן!

ווערט דאָס הינדל באַלד אַנטשוויגן,
גאָר פאַרגעסן אָן דעם איי;
— ווייסט, מיין מאַן, אַ פיינער ניגון,
גיב קאָרשט נאָך אַ מאָל אַ קריי...

*) שטעקשיך.

משה און דער אָדלער

איין מאָל איז משה אַזוי געזעסן אין דעם מדבר און געפּיטערט זיינע שעפסן. פּלוצלונג דערהערט ער עפּעס אַ געשריי. משה האָט אויפגעהויבן די אויגן און האָט דערזען, ווי אַ טייבעלע פליט צו אים, מאַכט מיט די פליגעלעך און שרייט. און אַן אָדלער מיט שטאַרקע נעגל און אַ שאַרפן שנאָבל פליט איר נאָך, און אָט־אָט, איז דאָס טייבעלע פאַרלאָרן. משה איז געשווינד אויפגעשטאַנען, געכאַפּט דאָס טייבעלע און באַהאַלטן.

דער אָדלער האָט אָבער נישט געשוויגן און ער האָט זיך געווענדט צו משהן מיט אַ גוואַלד:

דו גזלן איינער! מיט וואָס פאַר אַ רעכט נעמסטו דאָס פון מיר צו מיין רויב?

משה האָט אַ קוק געטאָן אויף דער טויב, וואָס האָט געציטערט און געפלאַטערט אין זיינע הענט, נאָך דעם האָט ער אַרויסגענומען אַ מעסער, ער האָט אָפּגעשניטן אַ שטיק פליייש פון זיין האַנט און האָט צום אָדלער אַזוי געזאָגט:

— דו ביסט גערעכט, אָדלער, נאַ דיר פליייש, נאָר דאָס טייבעלע לאָז צורו!

וואָס פאַר אַ פראַגע, אזא ענטפער

אַ גריך איז געקומען קיין ירושלים. באַגעגנט ער אַ יידיש קינד. גיט ער אים עטלעכע פרוטות און זאָגט צו אים: „גיי ברענג מיר אייער און קעז".

גייט דאָס קינד און ברענגט.

רופט זיך אָן צו אים דער גריך: „זאָג נאָר מיר, ייִנגעלע, וועלכער קעז איז דאָ פון אַ ווייסער ציג און וועלכער פון אַ שוואַרצער?"

ענטפערט אים דאָס קינד אָפּ אויפן אָרט:

„פעטער, איר זייט אַן אַלטער מאַן, זאָגט איר: וועלכעס איי איז פון אַ ווייסער הון, און וועלכעס — פון א שווארצער?"

נחום יוד

אַ שמחה

צוועלף קליינע שיינע הינדעלעך
האָט אויסגעבריט די הון;
איצט זיצט זי מיט די הינדעלעך
און וואַרעמט זיך אין זון.

זיי צוויטשערן ווי פייגעלעך
אין מוטערלעכן שויס, —
און וור־גיט־ווו אַן אייגעלע,
אַ מיילכל שטעקט אַרויס...

ערשט נעכטן אין אַ גוטער שעה
זיך אויסגעשיילט פון איי;
או־וואַ! די קרובים האָבן דאָ
זיך שטאַרק געפרייט מיט זיי:

זעקס הינער האָבן זינגענדיק
געלאָזן זיך אין טאַנץ,
און הינטער זיי האָט שפרינגענדיק
צעגאָרגלט זיך אַ גאַנדז.

אויך האָבן זיך די סאַמעטקעפּ,
די ענטעלעך, געפרייט;
און ס'האָבן אויף די לייטערטרעפּ
זיך טייבעלעך געדרייט!

דער ענדיק האָט געהאָלדערט הויך,
געבלאָזן זיך — אַ שרעק!
דער באָק אפילו — ער האָט אויך
געשאָקלט מיטן עק.

איצט זיצט אויף זיי די מאַמע־הון
צעשפרייט די פליגל ברייט.
זי זשמורעט זיך פון העלער זון
און קוואָקעט שטילערהייט.

פון ווייטן שטייט דער בייזער האָן
און הייבט דעם קאָפּ אַרויף:
ער קוקט און היט, צי קומט ניט אָן
אַ פרעמדער אויפן הויף.

אונדזער קו

א. ראַבאַי

אונדזער קו איז געווען אַ גראָע, מיט רויטער קלייענדיקער פאַרב באַשפּרינקלט און אָן הערנער.

די מאַמע האָט די קו שטאַרק ליב געהאַט, צו איר גערעדט יידיש.

— קום, בהמה מיינע! — אַזוי האָט זי די קו גערופן.

די מאַמע האָט געהאַלטן די קו זייער טייער. אום ווינטער איר גע־טראָגן וואַרעמע וואַסער צום טרינקען, געקאָכט פאַר איר קאשע פון קלייען מיט קוקורוזע־מעל און עס איבערגעמישט מיט געשניטענעם שטרוי.

און אַז מע האָט ביי אונדז געקאָכט זויערס, האָט שוין די קו געהאַט אַ גוטן מאָלצייט פון די איבערגעבליבענע בוראַקעס.

ווען די מאַמע האָט אָפּגעוואָרפן פון דער זויערמילך קעז, האָט זי אַרויס־געטראָגן די סיווראַטקע, נאָך אַ וואַרעמע, פאַר דער קו.

די קו האָט עס געזופּט, און די מאַמע האָט געטראַכט:

— נעבעך, בהמה מיינע, טרינקסט סיווראַטקע, און איך טרינק טיי!

און אַ גאַנצן זומער האָט די מאַמע געריסן ביים וועג די ווילדע גראָזן און זיי געטראָגן פאַר איר בהמה.

ז. פּייערבערג

דאָס קעלבל

פריי פון חדר, עטעמען מיר טיף אָפּ און לאָזן זיך לויפן, הענדום־פּענדום, אַרויף אויף דער גאַס.

אויף דער גאַס באַגעגענען מיר זיך מיט די בהמות, וואָס גייען פון פעלד אַהיים. פאָרויס גייען די בעק. זיי גייען פאַמעלעך, פאַרטיפט אין גע־דאַנקען. נאָך זיי גייען ציגן, קי, קעלבלעך, חזירים, יונגע לאַשעקלעך — יעדער מיט זיין קאָמפּאַניע.

דער שטויב טראָגט זיך אַזש ביזן הימל. און מיר, ייִנגלעך, פּלאָנטערן זיך, מישן זיך אויס צווישן די בהמות. איינער כאַפּט זיך אַרויף רייטנדיק אויף אַ באָק, אַ צווייטער אויף אַ ציג; אַן אַנדערער ווידער דערגייט גלאַט אַזוי די בהמות ביז דער לונג, שרעקט, יאָגט זיי.

אַן אַ זייט, דערזע איך, גייט אונדזוער קו לעבן דעם פּאַסטעך. און ער, דער פּאַסטעך, טראָגט אויף זיינע פּלייצעס אַ זועלטן שיין קעלבל.

איך בלייב שטיין, שלאָג זיך אָן, וואָס דאָס באַטייט, און דערמאָן זיך, אַז נישט איין מאָל שוין האָט מיר די מאַמע געזאָגט, אַז אונדזער קו דאַרף זיך אָפּקעלבן.

דאָס הערצל הייבט אין מיר אָן צו פלאַטערן פאַר פרייד.

מיט אַ בענקעניש אין האַרצן קוק איך נאָך דעם פּאַסטעך, וואָס טראָגט דאָס שיינע קעלבל גלייך צו אונדז אַהיים. און עס ווילט זיך מיר אין דער רגע זייער, זייער אים דעריאָגן, אַרומנעמען דאָס קעלבל און האַלדזן, קושן עס, קושן הייס, קושן שטאַרק. וואָס אָבער קאָן איך טאָן? — און דער רבי? און די מאַמע? וואָס וועט די מאַמע זאָגן, וואָס אַזאַ גרויסער בחור גיט זיך אָפּ מיט אַזוינע נאַרישקייטן?

און מיט אַן אומעטיקן האַרצן גיי איך אַוועק לערנען.

* * *

אַז איך קום צוריק אַריין אין שטוב, קומען מיר אַנטקעגן מיינע יינגערע ברידער און שוועסטערלעך און זאָגן מיר אָן די פרייליכע בשורה פון דעם נייגעבאָרענעם קעלבל.

— וואָלסטו געזען, הערשעלע — האָבן זיי אַלע אין איין קול אויסגע־שריען — וואָלסטו געזען, ווי שיין דאָס קעלבל איז! וואָלסטו נאָר געזען, וואָס פאַר אַ ברייטן שטערן, וואָס פאַר אַ ברייטע נאָזלעכער, וואָס פאַר אַ לאַנגע צונג, וואָס פאַר א פולע און רויטע ליפּן דאָס קעלבל האָט! וואָלסטו נאָר געזען!...

איך פיל, איך קאָן מיך מער נישט צוריקהאַלטן. איך לויף אָן אָטעם אין שטאַל אַריין, פאַל אויף די קני פאַרן קעלבל, טאַפּ עס אויס יעדן אבר באַזונדער, נעם עס אויף מיינע הענט און טראָג עס אַפּ אין קיך אַריין, כדי עס דאָרט צו באַקוקן פאַרן ליכט.

דאָרט האָב איך גענומען עטלעכע שטיקלעך ברויט, באַזאַלצט עס און אַריינגעלייגט דעם קעלבל אין מויל אַריין, סאַמע אויפן צינגל. דאָס קעלבל האָט מיט גרויס אַפּעטיט געגעסן און געקוקט אויף מיר מיט אַ צופרידענעם דאַנקבאַרן בליק. דאַן ערשט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך האָב ביים קעלבל אויסגענומען, אַז פון אַלע איבעריקע קינדער, פון אַלע מיינע ברידער און שוועסטערלעך האָט עס מיך נאָר פאַר אַ חבר אויסגעקליבן. ווו נאָר איך בין געגאַנגען, האָט מיך זיין ווייכער און ליבער בליק נאָכגעקוקט.

דאָס וועוריקל

יאָסעלע און בערעלע זיינען אַוועק אין וואַלד נאָך ניס.

ניסביימער זיינען אין וואַלד געווען אַ סך. די ניס זיינען געהאַנגעי בינטלעכווייז צו צוויי, דריי, פיר אין איינעם.

יאָסעלע האָט געפונען אַ בינטל פון פינף ניס.

די קינדער האָבן אָנגענומען פולע קוישן מיט ניס און געלאָזט זיך אַהיים.

ביים אַרויסגיין פון וואַלד האָט יאָסעלע דערזען אויף אַ סאָסנע אַ וועווריקל. ער איז געזעסן אויף אַ צווייג, געוואָרפן אַראָפּ שאָלעכץ און פוסטע שישקעס.

יאָסעלע האָט פלינק אַרויפגעקלעטערט אויפן בוים, נאָר דאָס וועווריקל איז אַריבערגעשפרונגען אויף אַ צווייטן.

בערעלע האָט גענומען אַ שטעקן און אים אַ וואָרף געטאָן אין וועווריקל. דאָס וועווריקל איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד.

יאָסעלע איז אונטערגעשפרונגען און אָנגעכאַפּט דאָס וועווריקל.

די קינדער האָבן עס געבראַכט אַהיים און אַריינגעזעצט אין אַ שטייגל. זיי האָבן דעם וועווריקל געגעבן ניס, ברויט, וואַסער.

דאָס וועווריקל האָט גאָרנישט ניט פאַרזוכט.

ווען עמעצער פלעגט אַריינקומען, פלעגט דאָס וועווריקל זיך שלאָגן אין די אייזערנע גראַטעס פון דער שטייג.

צייטנווייז פלעגט דאָס וועווריקל זיך אַוועקזעצן אין ווינקל פון דער שטייג, פאַרדעקן זיך מיטן פוכיקן עק און ציטערן.

— מאַמע, פאַר וואָס עסט ניט דאָס וועווריקל? — האָבן די קינדער געפרעגט.

— עס איז אים ענג אין שטייגל. עס ווילט זיך אים ווידער אומקערן אין וואַלד און לעבן אויף דער פריי — האָט די מאַמע געזאָגט.

די קינדער האָבן דאַן באַשלאָסן אים אַרויסצולאָזן. גענומען דאָס שטייגל, אַוועק אין וואַלד צו דעם אָרט, וווּ זיי האָבן געכאַפּט דאָס וועווריקל, און דאָרטן אַרויסגעזעצט אים אויף דער ערד.

פלינק איז דאָס וועווריקל אַרויף אויף אַ בוים, פון אים אויף אַ צווייטן און פאַרשוווּנדן געוואָרן אין וואַלד.

צער בעלי חיים

אַ מאָל איז רבי געגאַנגען אין גאַס. איבערן גאַס האָט מען געפירט אַ קאַלב צום שעכטן. דאָס קאַלב איז אַנטלאָפן און האָט אַרונטערגעשטעקט דעם קאָפּ אונטער רבי'ס פּאָלע און געבעטשעט. ווי איינער זאָגט: ראַטעווע מיך!

זאָגט רבי צו דעם קאַלב: גיי ווו מען פירט דיך, דערצו ביסטו באַשאַפן געוואָרן.

דאָס האָט מען געהערט אויפן הימל. האָט מען געפּסקנט: ווייל ער האָט נישט קיין רחמנות אויף קיין לעבעדיקע באַשעפענישן — זאָלן אויף אים קומען יסורים.

און רבי איז זייער קראַנק געוואָרן.

איין מאָל האָט רבי'ס דינסט געראָמט אין שטוב, האָט זי געוואָלט אַרויס־וואַרפן אין דרויסן קליינע קעצעלעך. האָט רבי אזוי געזאָגט צו איר: לאָז זיי צו רו! גאָט האָט רחמנות אויף זיינע באַשעפענישן — לאָמיר אויך רחמנות האָבן.

האָט מען דאָס געהערט אויפן הימל און מען האָט געזאָגט:

— ווייל ער האָט רחמנות אויף לעבעדיקע באַשעפענישן, לאָמיר אויף אים אויך רחמנות האָבן.

און רבי איז באַלד געזונט געוואָרן.

יעקב גלאַנץ

אייזל־נאַר...

גייט אַן אייזעלע,
שלעפּ־שלעפּ. —
באַרג־אַרויף,
ווי אויף טרעפּ.

טראָגט אַ משא,
איז זי שווער: —
טופּעט אייזל,
ווי אַ בער. —

איז דאָס אייזל
דאַר און קוואַר:
רופט מען: „אייזל,
אייזל־נאַר״...

די הינט און דער האָן

אונדזער הונט קאַשטאַנקע האָט פיר הינטעלעך: באָב, מאָפּסיק, פּילקע און צוציק. גאַנצע טעג שפּילט זיך קאַשטאַנקע מיט אירע קינדער: דאָ אין שטוב, דאָ אויפן הויף, דאָ אין סאָד.

ניט לאַנג איז קאַשטאַנקע קראַנק געוואָרן און מע האָט זי ניט ארויס־געלאָזן אין דרויסן. די יונגע הינטלעך איז געוואָרן אומעטיק צו זיין אין שטוב. זיי האָבן גענומען אַליין ארומלויפן אויפן הויף.

א גאנצן טאָג פאַרברענגען זיי דאָרט, לויפן, שפּרינגען, שטיפן. אין אָוונט קומען זיי אַהיים, צו דער מאַמען, און דערציילן איר וועגן אַלץ, וואָס ס'האָט מיט זיי דעם טאָג פּאַסירט.

איין מאָל איז זיך חברה הינטלעך אזוי געלעגן לעבן דער מאַמען און גענומען דערציילן.

— דער עלטערער ברודער האָט זיך מיט אונדז גאָרניט געשפּילט, פאַר־מסרט איינער, — ער איז גאָר ארומגעלאָפן אַ גאַנצן טאָג מיטן שכנס הינטל טאָקס!

— הער, וואָס מיט מיר האָט געטראָפן! — פאַלט אַריין אַ צווייטער — עפּעס אַ פרעמד יינגעלע איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער מיך דערזען און גע־נומען זיך רייצן, האָב איך אויף אים גענומען בילן, איז ער אַנטלאָפן, האָט ער אָנגעוואָרן זיין פרישטיק, האָב איך עס אויפגעגעסן. אוי, איז דאָס געווען געשמאַק!

— פּילקע שווייגט גאָר — מישט זיך אַריין אַ דריטער — וועל איך אייך דערציילן, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. ער האָט דערזען, ווי מע פירט אַ קינדערשן וועגעלע, האָט ער דאָס אָנגעהויבן אויף אים צו בילן. כ'האָב געמיינט, ער ווערט הייזעריק בילנדיק. לויפט נאָך נאָכן וועגעלע, בייזערט זיך, וואָרטשעט, וויל אָנדערש ניט כאַפּן דאָס ראָד. ס'געפעלט אים ניט, וואָס דאָס ראָד דרייט זיך צו האַסטיק און עס סקריפּעט!... אוי, איז דאָס געווען אַ געלעכטער!

— אַ געלעכטער איז געווען פון צוציקן, — דערציילט מאָפּסיק, — צוציק איז גאָר אַ פּחדן. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר אַ האָן און האָט זיך באַהאַלטן ווייסט איר וווּ? הינטן אויפן הויף, אונטערן גאַניק.

— אָט אַ נאַרעלע! — באַמערקט די מאַמע — צי דען האָט דיר דער האָן עפּעס געטאָן, וואָס דו ביסט פון אים אַנטלאָפן?

— ניין, — הייבט אָן צוציק צו דערציילן — כ'האָב זיך געוואָלט מיט אים שפּילן, איז ער אָבער אַזאַ בייזער און אַ שטאָלצער — אַ שרעק!... ער האָט אפילו אויף מיר ניט געוואָלט קוקן!... און ווי שיין ער איז געווען אָנ־

געטאָן! טונקל גרינע באַגילטע זיידענע בגדים; אויפן קאָפּ — אַ רויט הי־טעלע; אויף די פיס — שפּאָרן, און פון הינטן — אַזאַ שיינער פּראַנדז — אַ פּראַכט!

— פאַר וואָס ביסטו פון אים אַנטלאָפן?

— מיך האָט פאַרדראָסן, מאַמע, וואָס ער וויל מיט מיר ניט ריידן. האָב איך גענומען שטיל וואָרטשען. האָסטו געדאַרפט זען, ווי ער האָט זיך צע־בייזערט אַ ביסל! אויסגעצויגן דעם האַלדז, גענומען דרייען מיטן קאָפּ אין אַלע זייטן און אזוי זיך געזידלט, אַז כ'האָב נאָך אזוינס קיין מאָל ניט געהערט. איך בין געוואָרן אַ צעציטערטער!

— נאַרעלע, דו האָסט געדאַרפט אַ ביל טאָן אויף אים.

— כ'האָב געפּרוווט. איז ער געוואָרן נאָך מער אין כעס. — אַרויפ־געפלויגן אויפן פלויט, אַ מאַך געטאָן מיט די פליגלען און גענומען רופן די הענער. און אלע — אַלע האָבן זיך באַלד אָפּגערופן, פון נאָענט און פון ווייט.

— און זיי זיינען געקומען? — פרעגט די מאַמע.

— כ'ווייס ניט, כ'האָב ניט געזען. כ'האָב זיך אַזוי דערשראָקן, אַז איך בין קוים אַ לעבעדיקער אַנטלאָפן.

די מאַמע האָט געלאַכט פון צוציקן און זיך אָפּגערופן:

— וואַרט, מיין קינד, נאָך אַ פּאָר טעג. איך וועל געזונט ווערן, וועלן מיר אַרויסגיין אָנקוקן דעם גרויסהאַלטער.

* * *

אַז קאַשטאַנקע איז געזונט געוואָרן, איז זי אַרויס אויפן הויף שפּאַצירן און גענומען מיט זיך די קינדער. ווי נאָר די היגע זיינען אַראָפּ פון גאַנעק, האָבן זיי דערזען: דער האָן שפּאַצירט זיך אַרום צווישן די הינער, גייט אָפּ אַן אַ זייט, שטעלט זיך אויף איין פוס און קוקט שטאָלץ אין אַלע זייטן.

— שרעקט זיך ניט, קינדער — רופט זיך אָפּ קאַשטאַנקע צו די הינ־טעלעך — איצט וועלן מיר אים וויזן, אַז מיר האָבן פאַר אים קיין מורא ניט! נו, חברה! ווער פון אייך איז דרייסטער? לויפט צו צו אים און פאַלט אָן אויף אים! דערפאַר וועט דער דרייסטער ביי מיר באַקומען אַ געשמאַק הי־נעריש ביינדעלע.

— אַ הינעריש ביינדעלע איז געשמאַק! — האָבן זיך די הינטעלעך צע־קוויטשעט — וואַרט, מאַמע, מיר וועלן אים באַלד אָנלערנען!

און פאַכענדיק מיט די עקלעך האָבן די הינטעלעך אָנגעהויבן שטיל צו וואָרטשען. נאָר צוציק איז ניט אָפּגעטראָטן פון דער מאַמען און האָט אַראָפּ־געלאָזן דעם עק.

דרייסטער פאַר אַלעמען האָט זיך אַרויסגעוויזן מאָפּסיק. ער איז צו־

געפאַלן צו דר'ערד, האָט אויסגעצויגן די פאָדערשטע לאַפּקעס, אַוועקגעלייגט אויף זיי דעם קאָפּ און גענומען פויזען אַלץ נענטער און נענטער צום האָן.

דער האָן האָט געוואָלט אַ געשריי טאָן. מאָפּסיק האָט אָבער פלוצלונג אַ שפרונג געטאָן און איז אָנגעפאַלן אויף אים מיט אַ קוויטש און מיט אַ בילעריי.

דער גרויסהאַלטער האָט זיך דערשראָקן אויף טויט און איז אַנטלאָפן, ווו די אויגן האָבן אים געטראָגן. מאָפּסיק האָט ניט געוואַרט און — טוז נאָך אים. דער האָן האָט זיך געדרייט, געדרייט איבערן הויף און זיך קוים געראַטעוועט אין שטייג אַריין.

אַלע, וואָס זיינען געווען אויפן הויף — די הינט, די ענטלעך, די גענדז — אַלע האָבן געלאַכט ביז גאָר.

די קינדער האָבן אויך געזען די סצענע דורכן פענצטער.

זיי האָבן געפּאַטשט און געשריען: — בראַוואָ, מאָפּסיק, בראַוואָ!

דאָ איז שוין אונדזער קליינער צוציק אויך געוואָרן העלדיש. ער איז צוגעלאָפן מיט די ברידער צו דער הינערשטייג און גענומען בילן אויפן האָן מיט זיין דינינקן קעלעכל.

פון דעמאָלט אָן לאָזט צוציק קיינעם ניט דורכגיין. ווען נאָר ער דערזעט — אויף אַלעמען וואָרטשעט ער און בילט. און דער האָן? — ער איז געווען אַן אָנגעבלאָזענער גרויסהאַלטער און איז פאַרבליבן אַזאַ ביז היינטיקן טאָג.

וויקטאָר הוגאָ

דאָס גוטע פערדל

ס'איז זומער פאַר נאַכט. נאָך אַ רעגן. אויפן וועג באַווייזט זיך אַ זשאַבע. זי קריכט צו צו אַ לוזשע און בלייבט זיצן אויפן ברעג.

פלוצלונג קומען אָן עטלעכע יינגלעך.

— אוי, סאַר אַ מיאוסקייט! — שרייט אויס איינער, דערזעענדיק די זשאַבע.

— זעט, ווי זי גלאָצט אויף אונדז מיט די אויגן! — רופט זיך אָפּ אַ צווייטער — מע זאָגט: אַז זי דערזעט אַ מענטשן, שילט זי אים...

לאָמיר זי גאָר דערהרגענען — לייגט פאָר אַ דריטער.

— גוט! — שטימען אַלע איין. און זיי הייבן אָן צו שטעכן די זשאַבע מיט ריטלעך אין די אויגן, אין די זייטן, און ווו נאָר זיי טרעפֿן.

די זשאַבע צאַפּלט זיך, שפּרינגט אין אַלע זייטן, וויל זיך אַרויסרייסן פֿון זייערע הענט. זיי לאָזן זי אָבער ניט אָפּ, ווערן וואָס ווייטער אַלץ בייזער און קוקן אויף אירעליידן מיט גרויס פֿאַרגעניגן.

נאָך אַ מינוט — און זי בלייבט אונטער זייערע הענט.

נאָר דאָ האָט זי, ווייזט אויס, צונויפֿגעקליבן די לעצטע כּוחות, האָט דערלאַנגט אַ שפּרונג און איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ טיפֿע רינווע בײַם וועג.

אין דער בלאָטיקער רינווע איז דער זשאַבע געוואָרן אַ ביסעלע לײַכטער. דאָס וואַסער האָט איר באַנעצט און באַוואַשן די וווּנדן.

די קינדער טרעטן נאָך אָבער אַלץ ניט אָפּ.

— מ'דאַרף זי גאָר דערהרגענען מיט שטיינער! — באַשליסן זיי אַלע און זיי גייען אַוועק זוכן שטיינער.

אין דעם פֿאָרט אָן אויפֿן וועג אַ פּויער מיט אַ וואָגן. דעם וואָגן שלעפּט אַן אַלט שוואַך פֿערדל. די הינטערשטע פֿיס בײַ אים ציטערן, די פֿאָדערשטע גליטשן זיך. דער פּויער גייט בײַ דער זייט און שרײַט אויפֿן פֿערדל, שמייסט אים מיט דער בײַטש איבער די דאַרע זייטן און איבערן רוקן. דער וואָגן איז אַ שווערער. די רינווע איז אַ טיפֿע און א בלאָטיקע. דאָס מידע פֿערדל הייבט קוים די פֿיס.

דאָ קומען אָן די קינדער. זיי זעען, אַז באַלד וועט דער וואָגן אַרויפֿפֿאָרן אויף דער זשאַבע, און זיי טשעפּען זי מער ניט. זיי שטייען און וואַרטן.

אָט איז שוין דער וואָגן גאָר נאָענט. פּלוצים אָבער בלײַבט דאָס פֿערדל שטיין. עס דערזעט די זשאַבע, ציט אויס דעם האַלדז און נעמט זי אַרומשמעקן.

דער פּויער לאָזט אים אַראָפּ אַ שמיץ מיט דער בײַטש. דאָס פֿערדל הייבט אויף דעם קאָפּ, טוט זיך אַ קערעווע אָן אַ זייט און נעמט מיט אַלע כּוחות שלעפּן די פֿאַרליימיקטע רעדער פֿון דער טיפֿער רינווע.

די דאַרע פּלייצעס טוען דעם פֿערדל שטאַרק וויי, די אָפּגעריבענע פֿאָדקאָוועס גליטשן זיך, עס האָט ניט קיין כּוח אַרויסצושלעפּן די שווערע פֿור.

— וווּהין? — שרײַט דער פּויער און טוט דעם פֿערד אַ שמיץ מיט דער בײַטש איבער דער מאָרדע, עס זאָל זיך פֿאַרקערעווען אויף צוריק.

אָבער דאָס פֿערדל שטרענגט אָן די לעצטע כּוחות, טשעפּעט זיך איין מיט די אַלטע שוואַכע פֿיס אינעם ליים, שלעפּט אַרויס די רעדער פֿון דער רינווע און מײַדט אויס דאָס אָרט, ווו עס ליגט די זשאַבע.

— קינדער זעט! דאָס פערדל האָט אויף דער זשאַבע רחמנות גע־האַט... — זאָגט שטיל איינער פון די ייִנגלעך.

די איבעריקע בלייבן שטיל און פאַרשעמט.

י. שטיינבערג

דאָס פאַריתומטע שעפּסעלע

אין אַ גרויסער סטאַדע האָט געלעבט אַ קליין שעפּסעלע, וואָס פלעגט יאָר־ביי־יאָר געבוירן קינדערלעך. נאָר די קינדערלעך פלעגן זיך ביי איר ניט האַלטן: אין עטלעכע טעג אַרום פלעגן זיי אָוועקשטאַרבן.

— מע! — פלעגט דאַן זיפצן דאָס אומגליקלעכע שעפּסעלע. — דאָס זאָל הייסן אויף אונדזער לשון: „ווי גוט און ווי ווויל איז דאָס דער מאַמען, וואָס האָט קינדערלעך, זיי זאָלן טאַנצן אַרום איר!"

איין מאָל האָט דאָס שעפּסעלע געהאַט אַ געזונטן לעמעלע און מיט יאָרן.

דאָס לעמעלע איז געווען זייער אַ שיינס: געקרייזלטע, שוואַרצע, גלאַנ־ציקע הערעלעך, קלאָרינקע אייגעלעך, געשפּרינקלטע פיסעלעך, און ווען דאָס פלעגט שרייען „מע!" — פלעגן אַלע לעמעלעך זיך ניט קאָנען איינהאַלטן און מוזן נאָכשרייען: מע—מע!

האָט זיך די מאַמע זייער געפרייט, און זי פלעגט נאָך אַנאַנד קושן און האַלדזן איר לעמעלע. פאַר גרויס שימחה פלעגט זי זיך קושן און האַלדזן אויך מיט די איבעריקע לעמעלעך.

דאָס שיינע טייערע לעמעלע איז אָבער געווען אַ מאָדנער שטיפערל, וואָס האָט ניט געהאַט קיין גלייכן אין דער סטאַדע.

— באַרויק זיך, מיין קינד! — בעט זיך ביי אים די מוטער — שטילער, קרייזעלע מיינס! דאָ שפרינג ניט — דער הונט קאָן דיך נאָך אַ ביס טאָן! דאָרט לויף ניט — דאָרטן איז דער וואַלד! אין וואַלד זיינען דאָ וועלף. די וועלף האָבן נעגל, שאַרפע ווי מעסערס.

אָבער — ווי נאָר די מוטער האָט פאַרווערט צו גיין — אַהינצו פלעגט זיך דאָס שטיפערל גראָד רייסן:

— איך וויל זען, וואָס איז דאָס אַזוינס אַ וואַלד, ווער איז דאָס דער וואָלף! איך וועל נאָר אַרומטאַפּן זיינע נעגל, נאָר צורירן זיך צו זיינע ציין,

נאָר איין קוק טאָן צו אים אין פּיסק אַריין — און איך קום באַלד צוריק — אַזוי האָט זיך דאָס שטיפערל געטראַכט.

האָט ער זיך איין מאָל שטיל אַרויסגעגנבעט פון דער סטאַדע. קיי־נער האָט דאָס ניט באַמערקט. ניט די מוטער זיינע, ניט דער פּאַסטעך, און אפילו ניט דער הונט — און ער איז אַוועק אין וואַלד.

דאָרט האָט ער זיך געטראָפן מיטן וואָלף, באַטאַפּט זיינע נעגל, באַ־שמעקט זיינע ציין און גוט באַקוקט זיין פּיסק. נאָר צו דער מוטער איז ער שוין ניט געקומען: דער וואָלף האָט פון אים געהאַט אַ געשמאַקן מיטאָג פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע.

אויפן צווייטן טאָג האָט דער הונט געפונען אין וואַלד שטיקלעך פון אַ צעריסענעם העלדזל מיט טלאָען.

האָט ער עס געבראַכט אין סטאַדע אַריין.

די אומגליקלעכע מאַמע האָט דערקענט איר קרייזעלעס הערעלעך און זיינע געשפרענקלטע טלאָעלעך. האָט זי גענומען שרייען און וויינען מיט בי־טערע טרערן: „מע — ע — ע!"

קיין מענטשלעכע שפּראַך פאַרמאָגט ניט גענוג ווערטער אויף אי־בערצוגעבן, וויפל האַרצווייטיק ס'איז געווען אין דעם איין: מע — ע — ע!

זי האָט ניט געוואָלט גלויבן, אַז איר איינציקער זונעלע איז שוין טאַקע צעריסן. זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן ארומלויפן צווישן אַנדערע לעמעלעך, האָט באַטאַפּט, באַשמעקט און באַלעקט יעדערן פון זיי. מיט דער האָפענונג נאָך ווי־עס־איז צו געפינען איר שוואַרצן גלאַנציקן קרייזעלע.

און די עלנטע מאַמע גייט אַרום און קלאָגט, גייט ארום און וויינט; און וואָס אַ מאָל הייבט זי אויף די אויגן צום הימל און שרייט אויס: — מע — מע!...

מיט וואָס האָט זי עס פאַרדינט?... מיט וואָס האָט זי עס פאַרזינדיקט מער פאַר אַלע מאַמעס?... — האָט זי נעבעך געוואָלט פאַרשטיין.

גייט זי אַזוי און קלאָגט. פּלוצלונג דערהערט זי פון סאַמע עק סטאַדע, ווי מע שרייט: „מאַ—מע!" — לאָזט זי זיך אַראָפּ אין טאָל זען, ווער איז דאָס. דערזעט זי אַן עלנט, קליין, זייער קליין לעמעלע.

דאָס לעמעלע איז ערשט דעם זעלביקן טאָג געבוירן געוואָרן, און זיין מוטער איז באַלד געשטאָרבן. דאָס קליין לעמעלע איז געשטאַנען און געזען, ווי די מאַמע זיינע ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד, און די אייטערס ביי איר זיינען קאַלט און טרוקן־ליידיק. און דאָס לעמעלע האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דאָס זאָל הייסן. ער האָט געזען, ווי דער פּאַסטעך ציט אַראָפּ די פעל פון זיין מוטער — און ער האָט זיך געטראַכט: „פאַר וואָס טוט עס דער פּאַס־טעך נאָר מיין מאַמען אַזוי?"

ער האָט ווייטער געזען, ווי די הינט עסן זיין מאַמעס לייב שטיקער־

ווייז. איז ער אַוועק זוכן אַן אנדער מאַמען צווישן די שעפּעלעך. אָבער אונטער יעדערער האָט ער געזען, ווי לוסטיקע לעמעלעך זויגן פרישע וואַרעמע מילך און טאַנצן ארום פון צופרידנקייט.

דאַן האָט שוין דאָס לעמעלע פאַרשטאַנען, אַז ער האָט שוין מער קיין מאמען ניט. איז ער אוועק פון דער לוסטיקער סטאַדע, צוריק אראָפּ אין טאָל, דאָרט, ווו ער האָט צום לעצטן מאָל געזויגן פון זיין מוטערס שוין קאַלטע אייטערס, און האָט זיך ביטער צעוויינט: „מאַ—מע!...״

אויף לעמעלע־שפּראַך הייסט עס: „איך האָב שוין ניט קיין מאַמען! איך בין אַ יתום!״

אונדזער מאַמע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אים, אויף אים רחמנות געקראָגן און אויסגעשריען: „מע—מאַ! מע—מאַ!״

און לעמעלע דער יתום האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וויל זאָגן:

— שלעכט איז דיר! — ווער נאָך ווי איך קאָן עס פילן. מיר איז אָבער ערגער פאַר דיר: דו קאָנסט זיך נאָך געפינען אַ מאַמען. אָט זיינען ביי מיר די אייטערס ניט פאַרנומען, און קיין מילך פעלט אויך ניט אין זיי — איך קאָן פאַר דיר זיין אַ מאַמע; אָבער מיר, עלנטער, ווער וועט מיר געפינען מיין קינד?...

— מאַ—מע! — האָט ער איר געענטפערט — מיר איז ערגער פאַר דיר! דו קאָנסט זיך נאָך געפינען אַ קינד — ווייניק לעמעלעך איז פאַראַן אין דער סטאַדע? אפילו איך וואָלט אויך זיין ביי דיר אַ זון! איך קאָן אויך אַרומטאַנצן ארום דיר, אַרומלעקן דיינע אייטערלעך, אַרומשמעקן דיך אין גאַנצן! אָבער איך — וויי און ווינד איז מיר! — ווו קאָן איך נאָך געפינען מיין מאַמען?

אַזוי זיינען זיי ביידע געשטאַנען, געשטאַנען און געיאָמערט, געשטאַנען און גערעדט.

דער האָט געזאָגט: — „מאַ—מע! מיר איז ערגער פאַר דיר!״

און די האָט געשריען: — „מע—מאַ!״ — ניין, מיר איז ערגער פאַר דיר!״

אפילו דער פאַסטעך, וואָס איז גראָד דורכגעגאַנגען און האָט זיי אַזוי דערזען, האָט אויך שטיל אָפּגעזיפצט:

— עלנטער יתום! אומגליקלעכע מאַמע!

און ווען די שעפּעלעך־מאַמעס אין דער סטאַדע האָבן דערהערט זייערע גוואַלדן, האָבן זיי אויפגעהויבן אַזאַ געוויין, אז ס'האָט געריסן ביים האַרצן.

אפילו די ווילדסטע לעמעלעך האָבן דאַן אויפגעהערט ארומצושפּרינגען און ארומצוטאַנצן און אויך מיטגעזיפצט מיט אלעמען.

האָט דער פּאַסטעך גענומען דעם קליינעם יתומל און צוגעפירט איִם פאַרן מאַרדעלע צו שעפּעלעס אייטערלעך.

דאָס לעמעלע האָט זיך געשמאַק אָנגעזויגן.

דאָס שעפּסעלע האָט אים אַרומגעשמעקט מיט פיל ליבע און רחמנות.

דאָס לעמעלע האָט עס אויך ארומגעלעקט מיט ליבע און דאַנקבאַרקייט.

און אַזוי האָבן זיי זיך באַרויקט און איינגעשלאָפן צוזאַמען.

ערשט דאַן האָבן די לעמעלעך זיך גענומען צו זייערע שפּילערייען, שפּרינגערייען און האָבן לוסטיק־לעבעדיק געשריען: מאַ—מע! מאַ—מע!

און אַזוי האָט שעפּסעלע גענומען זיך דעם יתום פאַר אַ זון, און דאָס לעמעלע האָט דאָס שעפּסעלע אויך ליב באַקומען ווי אַ מאַמען.

דער אייבערשטער און די שעפּס

דער שעפּס איז געקומען צו גאָט מיט אַ טענה: רבונו של עולם! דו האָסט באַשאַפן אין דיין וועלט אַ סך מזיקים און א סך חיות רעות, אלע טשע־פּען מיך, און מיר האָסטו נישט געגעבן קיין שום כלי־זין זיך צו ווערן קעגן זיי.

האָט גאָט זיך מרחם געווען אויף דעם שעפּס, און האָט געזאָגט: דיין טענה איז אמת; אָבער זאָג מיר, וואָס זאָל איך דיר טאָן? אפשר ווילסטו, איך זאָל דיר געבן שאַרפע ציין און שטאַרקע נעגל?

זאָגט דער שעפּס: צי האָסטו נישט קיין שענערע כלי־זין?

מאַכט גאָט, ברוך־הוא: וועל איך איר דיר געבן גרויסע הערנער אויפן שטערן.

זאָגט דער שעפּס: רבונו של עולם! איך האָב מורא, טאָמער וועל איך אָנהייבן באָדזשען מיט די הערנער ווי אַ באָק.

— אַז יאָ אַזוי — האָט גאָט געזאָגט — וועל איך דיר געבן וואָל; דו וועסט געבן דעם מענטשן וואָל, וועט ער דיך ליב האָבן, ער וועט דיך מפרנס זיין בכבוד, און וועט דיך באַשיצן קעגן די אַלע מזיקים.

דוד המלך

אַמאָל איז אין יהודה געווען אַ פּאַסטוך מיטן נאָמען דוד. ער האָט ליב געהאַט צו שפּילן אויף אַ פידל. איין מאָל זיצט אַזוי דוד און היט זיינע שאָף און רינדער און שפּילט זיך אַזוי אויף זיין פידל. אין דעם זייגען אָנגעפאַלן

ווילדע חיות אויף דער סטאַדע. אָבער ווי זיי האָבן דערהערט דודס שפּילן, זיינען זיי שטיין געבליבן, און די שאָף נישט גערירט. ווען דוד האָט אויפגעהערט שפּילן, זיינען זיי אָנגעפאַלן אויף די שעפּסעלעך, און איינער אַ גרויסער לייב האָט אַוועקגעטראָגן אַ שעפּסעלע. דוד האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים, האָט אים אָנגענומען פאַרן פּרעסער, און האָט אים צעריסן אויפן אָרט. אַזוי איז דאָס שעפּסעלע ניצול געוואָרן פון לייבס ציין. אויף צוריקוועגס איז אויף דודן אָנ־געפאַלן אַ בער, האָט אים דוד גלייך געהרגעט.

די יידן האָבן געזען, וואָס פאַר אַ גיבור דוד איז, ער איז אויך געווען אַ גרויסער חכם, האָבן זיי אים געזאַלבט פאַר אַ מלך. ער איז דאָס נאָך דעם געווען דוד המלך.

דער פוקס און דער באָק

לויפט זיך אַזוי אַ פוקס איבערן פעלד. לויפט, פאַרקוקט זיך אויף די קראָעס און פאַלט פלוצים אריין אין א ברונעם. אין ברונעם איז אפילו ניטאָ קיין סך וואַסער, דערטרינקען זיך קאָן מען ניט, אָבער ארויסשפּרינגען איז אויך שווער. זיצט דער פוקס אין ברונעם און דאגהט. מיט א מאָל קומט אָן דער באָק, דער חכם. ער גייט, טרייסלט מיטן בערדל, מאַכט מיט די הערנער און קוקט אויף אלע זייטן. דערזעט א ברונעם, גייט ער צו און קוקט אהין אריין. געפינט ער דאָרטן דעם פוקס.

— וואָס טוסטו דאָ, פיקסעלע? — פרעגט ער אים.

— איך רו זיך אָפּ, מיין טייערער. דאָרטן אויבן איז הייס, בין איך אַריינ־געקראָכן אַהער. דאָ איז אזוי קיל, אַזוי גוט!... — קאַלטע וואַסער, וויפל מע וויל!

און דעם באָק ווילט זיך גראַד טרינקען.

— דאָס וואַסער איז עפּעס געשמאַק? — פרעגט ער ווייטער.

— זייער — ענטפערט דער פוקס — געשמאַק און קאַלט... שפּרינג אַריין אַהער, אויב דו ווילסט; דאָ וועט קלעקן אָרט פאַר אונדז ביידן.

דער באָק האָט לאַנג ניט געטראַכט און איז גלייך אריינגעשפּרונגען אין ברונעם אריין. דער שפּרונג זיינער איז געווען אזוי אומגעלומפּערט, אַז ער האָט שיר ניט צעמזיקט דעם פוקס.

— גערעטעניש איינער! אפילו אַ שפּרונג טאָן קאָנסטו ניט! זע, ווי דו האָסט מיך פאַרשפּריצט! — האָט זיך גענומען קלאָגן דער פוקס.

און ער טוט אַ שפּרונג צום באַק אויפן רוקן, פון רוקן אויף די הערנער און — טוז פון ברונעם ארויס.

דער באַק איז אין ברונעם שיר ניט אומגעקומען פון הונגער. מע האָט אים קוים געפונען און אַרויסגעשלעפּט פאַר די הערנער.

ל. ה.

אָפּגענאַרט דעם הינערפרעסער

פּיקסל הינערפרעסער לויפט אין וואַלד, פון הונגער אַ צעמאַטערטער, און טראַכט: כאַטש איין פייגעלע ווי פּטרט ער?

ערשט עס דערטראָגט זיך פון אַ צווייג: — טוק־טוק־טוק! — אַ פּיק־העלצל אין בוימשטאַם קלאַפּט, ווערעם אויפן צינגל כאַפּט.

פּיקסל, אַ בריה צו מולירן, נעמט זיך גלייך א שמועס פירן. פירט אַ שמועס שטיל און ארטיק, מיינט — דער אָנבייסן איז פאַרטיק.

— פּיקעלע, פּיקהאָלץ, איך בין אין שטאָט געווען...

— טוק־טוק־טוק! געווען איז געווען.

— פּיקעלע, פּיקעלע דאָרט איז אַ נייס געשען.

— טוק־טוק־טוק! געשען איז געשען.

— פּיקעלע, פּיקעלע, דאָרטן איז אַ פאַרזאַמלונג געווען.

— טוק־טוק־טוק: געווען איז געווען.

— אַ פאַרזאַמלונג פון יעגערס, עופות און חיות.

— טוק־טוק־טוק! הערט נאָר אַ נייס!

— קיינער דאַרף שוין ניט היטן די פעל!... די פאַרזאַמלונג שיקט אַרויס אַ באַפעל: צו מלחמות אויף אייביק זאָל נעמען אַ סוף! אַ סוף! דער יעגער, די חיה, דאָס עוף, — אַלע מוזן איצט לעבן ווי ברידער!

— טוק־טוק־טוק! צי ניט קידער־ווידער?

— וואָס זאָגסטו, פּיקעלע?

— איך זאָג — טוק־טוק־טוק! מיר וועלן זינגען לידער.

— קום זשע ארונטער פאַרברענגען בשלום.

— טוק, טוק־טוק־טוק! פאַרגעס אויף דעם חלום!

— וואָס זאָגסטו, פּיקעלע?

— איך זאָג, מיין ברודער, טוק־טוק, עליו השלום, טוק־טוק, טיק! — ניט באַשערט אים דאָס גליק!... ער איז אויף דער ערד געזעסן, האָט אים אַ פוקס אויפגעפרעסן.

— און מיין שוועסטער, פיקעלע, האָט אַ יעגער דערשאָסן, איר בלוט פאַרגאָסן... קום, טייערער, איצטער אין איינעם זיך טרייסטן אין צער.

— זוך זיך ווו אַנדערש א גולם, אַ נאַר.

— וואָס זאָגסטו, פיקעלע?

— איך זאָג: טוק! — דאָרט קלייבט זיך אַן עולם דיך טרייסטן אין צער.

— ווו, פיקעלע?

— טוק! — דאָרט אויפן בריקעלע זע איך מענטשן אַ פּאָר, באַוואָפנטע נאָר... פאָרויס לויפן הינט, פלינק ווי דער ווינט — קלייב אויס אַן אָרט אין וועלדל דאָרט, איך פלי אַראָפּ גלייך פאַרברענגען מיט אייך, און לכבוד די טייערע געסט...

— אַך, נעמט זיי די פּעסט! — רייסט איבער דער פוקס, — זיי קאָנען ניט וויסן פון דעם באַפעל! מיר איז טייער מיין פעל!...

און מאַכט גלייך די פליטה.

אַזוי איז פוקס־חכם געבליבן דער שוטה.

א. שטיינבאַרג

די קראָ און דער פוקס

אויף אַ בוים אַ נאַר אַ קראָ
האַלט אַ שטיקל קעז אין מויל.
ערשט — שאַ, שטיל! אַ גאַסט איז דאָ!
פיקסל קומט אָן שטיל און פויל,
שמעקט, בלייבט שטיין אויף הינטערפיס,
און ער זאָגט גאָר האָניק־זיס:
„מיין ליב קראָעלע, זינג אַ לידעלע.
זינגסט אַ לידעלע — שפּילט אַ פידעלע.
זינג: טראַ־ראַ און טריי־רי־ראַ!"
שרייט די קראָ אויס: קראַ־קראַ־קראַ!
פאַלט פון מויל דער קעז ארויס.
און דער פוקס — האַם, האַם — און אויס.

לעוו טאָלסטאָי

דער נאָדלער און דער האָז

אַ האָז האָט באַגעגנט אַ נאָדלער און געזאָגט צו אים:

— אַזוי ביסטו אַ גאַנץ שיינער. נאָר דו האָסט איין פעלער: דיינע פיס זיינען קרומע.

דער נאָדלער איז געוואָרן אין כעס און האָט געענטפערט: „וואָס לאַכ־סטו אַזוי? איך מיט מיינע קרומע פיס קאָן לויפן בעסער, ווי דו מיט דיינע גלייכע. אָט וואַרט אַ ווײַלע, איך וועל צוגיין אויף אַ רגע אַהיים, דערנאָך וועלן מיר זיך וועטן, ווער וועמען ס'וועט איבעריאָגן".

דער נאָדלער איז געקומען צו זיך אהיים און זאָגט צו זיין ווייב:

„איך האָב זיך אַביסל איבערגערעדט מיטן האָז: מיר ווילן זיך וועטן, ווער וועמען ס'וועט איבעריאָגן".

רופט זיך אָפּ דעם נאָדלערס ווייב: „דו ביסט מסתמא משוגע געוואָרן. ווי וועסטו זיך יאָגן מיטן האָז? ער איז דאָך אַזאַ פלינקער, און דו קוים וואָס דו רירסט מיט דיינע פיסלעך".

ענטפערט דער נאָדלער: „ער האָט פלינקע פיס, און איך האָב אַ פלינקן שכל. דו טו אָקאָרשט, וואָס איך הייס. קום מיט מיר אין פעלד אַריין".

און זיי זיינען אַרויס אויף אַ צעאַקערטן פעלד. דאָרט רופט זיך אָפּ דער נאָדלער צו זיין ווייב: „דו באַהאַלט זיך ביי איין עק פון דער רינווע, וואָס צווישן די בייטן, און איך וועל זיך מיטן האָז לאָזן לויפן פון דעם צווייטן עק; אַז ער וועט זיך פונאַנדעריאָגן, וועל איך זיך גלייך אומקערן צוריק, און אַז ער וועט קומען צו לויפן צום עק רינווע, ווו דו וועסט זיין, זאָלסטו אַרויסגיין פון דיין באַהעלטעניש און זאָגן: „איך בין שוין לאַנג דאָ". ער וועט דיך ניט דערקענען און וועט מיינען, אַז דאָס בין איך".

דעם נאָדלערס ווייב האָט זיך באַהאַלטן אין דער רינווע, און דער נאָדלער מיטן האָז האָבן זיך געלאָזן לויפן פונעם צווייטן עק בייט. אַז דער האָז האָט זיך פונאַנדערגעיאָגט, האָט זיך דער נאָדלער אומגעקערט צוריק און זיך באַ־האַלטן אין גראָבן.

דער האָז איז געקומען צו לויפן צום צווייטן עק רינווע, ער גיט אַ קוק — דעם נאָדלערס ווייב זיצט שוין דאָרטן. ווי זי האָט דערזען דעם האָז, האָט זי אויסגערופן: „זעסט, איך וואַרט שוין דאָ פון אַ צייט!"

דער האָז האָט ניט געוווּסט, אַז דאָס איז דעם נאָדלערס ווייב, און ער טראַכט זיך ביי זיך: „וואָס איז דאָ פאַר אַ נס? ווי אַזוי האָט ער דאָס מיך איבערגעיאָגט?"

— ווייסט וואָס, קום זיך נאָך אַ מאָל יאָגן! — זאָגט ער.

— קום! — ענטפערט דעם נאָדלערס ווייב.

דער האָז האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף צוריק. געקומען צום צווייטן עק, ער זעט: — דער נאָדלער זיצט שוין דאָרטן.

— ע, ברודערל, דו ביסט נאָך ערשט איצט אָנגעקומען, און איך בין שוין דאָ פון אַ צייט!" — זאָגט צו אים דער נאָדלער.

— „וואָס קאָן דאָס זיין? — קלערט זיך דער האָז. — דאַכט זיך, איך בין אזוי גיך געשפּרונגען, און דאָך האָט ער מיך איבערגעיאָגט. נו, וועלן מיר איצט פּרוּוון לויפן נאָך אַ מאָל, איצט וועט ער מיך שוין געוויס ניט איבעריאָגן".

— לאָמיר לויפן נאָך אַ מאָל! — לייגט ער פאָר.

— גוט! — ענטפערט דער נאָדלער.

— דער האָז איז שיר פון זיין הויט ניט אַרויסגעשפּרונגען. ס'האָט אים אַזש פאַרכאַפּט דער אָטעם. אָבער אַז ער איז געקומען צום צווייטן עק גראָבן, האָט ער פאָרט געפונען דעם נאָדלער. און אזוי איז ער געשפּרונגען פון איין עק גראָבן צום צווייטן, ביז ער האָט זיך אין גאנצן ארויסגעשלאָגן פון די כוחות. ערשט דעמאָלט האָט ער זיך אונטערגעגעבן און זיך געגעבן אַ וואָרט, אַז מער וועט ער זיך שוין קיין מאָל ניט באַרימען.

שלום עליכם

די ל״ג בעומר סעודה

ס'איז אַ שיינער, אַ ליכטיקער, אַ פריילעכער זומער־טאָג. דער הימל איז לויטער בלוי. די פייגעלעך זינגען. עס גלוסט זיך אין דרויסן אויף דער לופט. עס ציט אַהין, ווייט, ווייט פון דער שטאָט אַרויס, דאָרט, ווו עס שפּראָצט אַ גרעזעלע און די ביימער זיינען באַדעקט מיט גרינע בלעטעלעך, דאָרט, ווו גאָטס פייגעלעך טאַנצן און שפּרינגען, פּישטשען און זינגען...

אין יענעם פרימאָרגן האָבן מיר זיך געכאַפּט, איך און מיין ברודער מאָטל, אויפשטיין וואָס פריער, נעמען דאָס אָנבייסן מיט זיך און מאַרש צו ליפּא שלום־אייזיקס!

ער איז דער עלטסטער פון די תלמידים.

דאָרט איז פאַראַן אַ הויף אַ גרויסער, וואָס דאָרט פלעגן מיר פאַר־ברענגען דעם אנדערן האלבן טאָג פרייטיק, שפּרינגען אויף איין פוס, שפּילן אין „קוצי־באַבע", אין „עקעך און מקח", אָדער אין „קאַמער־קאַמער־הויז" און אין אנדערע שפּילערייען.

* * *

אַז מיר זיינען געקומען צו ליפּא שלום־אייזיקס, האָבן מיר שוין דאָרטן געטראָפן די גאנצע חברה. ארום און ארום זיינען מיר געווען פיר און פער־ציק פאַרשוין, תלמידים פון צוויי חדרים.

— אָט זיינען שוין די יאָסעלעך מיט די מאָטעלעך אויך דאָ! ווייזט, וואָס האָט איר געבראַכט! — רופט זיך אָן ליפּא שלום־אייזיקס.

און ער הייבט אָן צונויפנעמען די מתנות, וואָס יעדערער האָט געבראַכט צו דער סעודה, און אויסרופן אויף אַ קול איטלעכן צום גראָם.

— מענדל, מע מעג עסן פון דיין פענדל! אַנו, ווייז, וואָס האָסטו דאָרטן? צוויי אייערבייגל, אַ שטיק לעקעך, אַן איי מיט זעקס גראָשן!

איציק, שפּיציק, נאָדלטעשל! גיי אין קלייט, כאַפּ אַ פלעשל! עפּעס זע איך ביי דיר, קיין עין הרע ניט, אַ גאַנצן אוצר! — צוויי קיכלעך, דריי אייער, אַ שטיק דאַרע קישקע, עטלעכע צוקער־לעקעכלעך מיט מאַנדל־בייגעלעך און

האָזענע ניסלעך. עפּעס גאָר אַ גוזמא — אָהאָ! און נאָך צען גראָשן דערצו! אַ ווילער יונג!...

— יאַנקעלע־באַנקעלע—פּלעשעלע—בול־בול־בול! באַוויז זיך אַרויס מיט דיין גוטס! — אַ בולקע, אַ גאַנצע פערטל עוף, אַ גלעזל גענדזנשמאַלץ... וואָס איז דאָס? אַ פלעשל מעד? הערסטו? ביסט דאָך עפּעס גאָר אַ מזיק, כ'לעבן!

— משהלע—שטייסעלע—קלאַפּ אין שול, אַלטע ווייבער שלאָפן! קום נאָר אַהער! האָסט געבראַכט בראַנפן? האָב איך דיך ליב! וואָרעם ווו האָט איר געזען אַ סעודה אָן בראַנפן?

— אַבי — פּאַטער, קלמן — טאַטער, טאַטער — קלמן, שניאור־זלמן, זלמן־שניאור, שלאָף אין שלייער... באַוויז, באַווייז, שעם זיך ניט! אַ האַלבע איי סך־הכל?... אַ שטיקל ברויט מיט האָניק?... איין מטבע! גיב אַהער! נישקשה, עס מאַכט ניט אויס. דערויף איז דאָך ל״ג־בעומר, אַ שותפותדיקע סעודה!

— טאָפּל טוטאַריטוטו!*) וויז, וואָס האָסטו דאָרטן? אַ טאָפּיטע מיט אַ שטיטל בולטע, מיט אַ טעפּל טנאָבל. וואָס האָט די מאַמע אַזוי ווינציט דערעבן?...

ליפּא שלום־אייזיקס מאַכט אים נאָך, ווי ער רעדט מיט דער „טוף״.

חברה קאַטשען זיך פאַר געלעכטער, און קאָפּל אַליין לאַכט אויך.

— יואליק—בייליק, האָסט דעם גרעסטן חלק! דו ביסט דאָך עפּעס אַ נגידס א יינגל. ביי דיר קאָן אוודאי זיין אַ גאַנצער אוצר פון בצים און פון שמאַלץ, פון וויין און פון בראַנפן און פון כל־טוב! איאָ? איך האָב גע־טראָפן? — צוויי בולקעס, אַ גאַנצע האַלבע געבראָטענע קאַטשקע, אָהאָ! אַ צענדלינג אייער! און טיי, און צוקער! היינט ניסלעך, מיט באַקסער, מיט ראָזינקעס, מיט מאַנדלען, און פּאָמעראַנצן, און אַ לימענע אויך!... ניט געדאַכט זאָלסטו ווערן! קום אַהער, לאָמיך דיר כאָטש זאָגן אַ דאַנק!

יואליק דעם נגידס גייט צו, די הענט אין די קעשענעס, מיט גרויס גדלות, און ליפּא שלום־אייזיקס דערלאַנגט אים אַ שנעל אין נעזל אַריין.

צווישן עולם ווערט אַ געלעכטער.

* * *

— אַצינד, קינדער, זעצט זיך אויס אַלע אָטאָ דאָ, צווישן די קלעצער — זאָגט ליפּא שלום־אייזיקס — לאָמיר זיך אָקאָרשט נעמען צו דער סעודה! ווער האָט אַ גלעזל? גיב אַהער! לאָמיר טרינקען לחיים.

— לחיים מלך! — אַז מע טרינקט, איז פריילעך!

— לחיים, נח! — פון פלעשל ציט מען כוח!

---

*) קאָפּל קוקאַריקו — קאָן ניט אויסריידן קיין „ק״.

— קום אַהער, ניסל, נעם בראַנפּן אַ ביסל!
— לחיים, שעפּסל! מאַך אַ שנעפּסל!
— לחיים, אברהם משה, דו האָסט דאָך ליב אַ כוסה אַ גרויסע!
— לחיים, טאָפּל! דאָט זאָל דעבן דעזונט מיט דליט מיט אַלדעס דוטס!
טרינט אויס דאָס דאַנצע דלעזל. אַניט, דיס איך דיר אַריין אין דאָרדל מיט דוואַלד, וועסטו ערדער מאַכן!...

אַלע לאַכן, און קאָפּל אַליין לאַכט אויך.

* * *

— קינדער! זאָגט, וווהין גייען מיר הײַנטיקס יאָר? — טוט אַ פרעג ליפּא נאָך דער סעודה.

עס ווערט אַ געשריי, אַ געפּילדער.

איטלעכער זאָגט זיין מיינונג, וווהין מע זאָל גיין.

— אויף יענער זייט בית־עולם! — שרייט מלך דער אלמנהס.

— אויף דער ליוואָדע! — מאַכט נח דעם שוחטס.

— צו דער ציגעלניע! — שרייען עטלעכע קולות מיט אַ מאָל.

— שאַט! — רופט זיך אָן ליפּא שלום־אייזיקס — גענוג אייך קריגן זיך! ווייסט איר, וווהין מיר זאָלן גיין הײַנטיקן ל״ג־בעומר?

— וווהין? וווהין?

— קיין גאַלגאַנאָווקע!

— קיין גאַלגאַנאָווקע! קיין גאַלגאַנאָווקע! — שרייען אַלע אין איין קול, און אפילו קאָפּל קוקאַריקו קוויטשעט אויף זיין קעלכל:

— „דאַלדאַנאָווטע! דאַלדאַנאָווטע!“

און ס'איז געבליבן, אַז מיר גייען קיין גאַלגאַנאָווקע.

י. ל. פּרץ

רעגן

קינדערלעך, אוי, קינדערלעך!
אַ רעגנדל גאָר וווּנדערלעך,
שמעקעדיקע טראָפּעלעך!
אַ רעגנדל איז גאָטס גענאָד,
קומט ארויס און טאַנצט אַ ראָד,......

מיט בלויזע פיס און קעפּעלעך!
גאָרנישט קלערן, גאָרנישט פרעגן!
קינדער וואַקסן אויפן רעגן,
ווי די בלומען, ווי די זאַנגגען!
נאַקעטע קעפּלעך, נאַקעטע פּיס,
וואַקסט פון יעדן קינד אַ ריז,
ביזן הימל צו דערלאַנגען!

יעקב גלאַנץ

נאָך אַ רעגן...

אַלע וואָלקן
אויסגעמאָלקן
און דער רעגן
רינט ווי מילך.
הילכט
און דונערט
און עס בליצט,
רעגן
שפּריצט און שפּריצט.

אַי, וועט וואַקסן
נאָך די שלאַקסן
קאָרן!
אויף די פעלדער
שוין צעגרינטע
און פאַרזייטע
פון פאַראַיאָרן
נאָך פון ווינטער, —
אַי וועט וואַקסן,
קינדער!

אַי, וועט בליען
און וועט רייפן!
וועט מען פליען,
וועט מען לויפן,
מע וועט זשומען ווי די בינען,
מע וועט שניידן
מיט מאַשינען
און מיט קאָסעס,
קאָרן,
פּראָסע,
ווייץ און גערשטן. — —

נאָר צום ערשטן
זאָל דער רעגן
מערער פליסן,
גיסן, —
וועט שוין וואַקסן
נאָך די שלאַקסן
און וועט בליען!...

דאָס ליד פון דעם פראָש

גערוען אַ פראָש אין אַ גרין סאַמעט קלייד,
קוואַק־אַ קוואק, קוואַק־א קוואַק, קוואַק־א קוואק.
מיט א שירצל א ווייסן פון פאָרגט פארשפרייט,
קוואַק־אַ קוואק, קוואַק־א קוואַק, קוואַק־א קוואק.

זיין קאַמער געפלאַסטערט פון לויטער אַאיר,
קוואַק־אַ קוואק א. אז. וו.
פון שטראַלן די פענצטער, פון וואסער די טיר.
קוואַק־אַ קוואק א. אז. וו.

האָט געפינגלט דער פראָש מיט אייגעלעך שמאָל,
קוואַק־אַ קוואַק א. אַז. וו.
ווער האָט אַזאַ מאַנטל און ווער אַזאַ קול ?
קוואַק־אַ קוואַק א. אַז. וו.

פון ברעג אינעם טייך און פון טוך אויפן ברעג.
קוואַק־אַ קוואַק א. אַז. וו.
אַ זונג און אַ שפרונג, אַזוי גייען די טעג.
קוואַק־אַ קוואַק א. אַז. וו.

ביז געקומען אַ בושל אַ הויכער צו גיין.
קוואַק א. אַז. וו.
די פיס ווי די שפענער, דער שנאָבל ווי שטיין.
קוואַק א. אַז וו.

גענומען דעם פראָש מיטן גרין סאַמעט קלייד,
קוואַק־אַ קוואַק א. אַז. וו.
די קינדערלעך זיינע אַ סעודה געגרייט,
קוואַק־אַ קוואַק, קוואַק־א קוואק, קוואַק־א קוואק.

ב. סלוצקי

מע האָט מיך אָפּגעשאָרן

פאַר וואָס בין איך יענעם ל״ג־בעומר ניט געגאַנגען אין וואַלד, ניט געגעסן קיין אייערקיכלעך און האָב אַ גאַנצן טאָג אָפּגעריטשעט אויפן בוידעם? — פאַר אַ נארישקייט, פאַר האָר. אָבער גערעכט בין איך געווען. דאָס מעגט איר מיר גלויבן אויף מיין ערנוואָרט.

די מעשה איז אזוי געווען: איך האָב געקרייזלטע האָר, און וואַקסן וואקסן זיי ביי מיר גיך און פארדרייען זיך פון פאָרנט אין „קוטשערעס", אין גרויסע און קליינע קרייזעלעך. פון היגטן דרייען זיי זיך אויך ארויף אין לע־קעלעך, און אז איך טו אָן דאָס היטעלע, זיצט עס ווי איינגעפּאַסט, טאַקע ווי עפּעס א קרוינדל אויפן קאָפּ. און ס׳פּאַסט מיר — אַ שרעק! איר מעגט מיר גלויבן: נישקשה, איך האָב געוגוג מיך אָנגעקוקט אין שפּיגל, ווייס איך שוין. אַלע זיינען מיר מקנא געווען. און מער פון אַלעמען — מיין שוועסטערל.

מיין שוועסטערל האָט לאַנגע, דינע האָר. אָבער וואָס הייסט דינע, טאַקע ווי שפּינוועבס, און גלאַטע־גלאַטע. איר זאָלט זאָגן — כאָטש איין קנייטשעלע. אַלע מאָל, ווען זי האָט באדאַרפט גיין אויף אַ פאָרשטעלונג, פלעגט זי צוויי טעג פריער איינפלעכטן די האָר מיט פּאַפּירלעך, זיי פּרעסן. און ערשט נאָך דעם אַלעם, ווי נאָר זי האָט אַרויסגענומען די פּאַפּירלעך — אַהאַ! די הערעלעך הייבן זיך שוין אָן ווידער אויסציען, אויסגלייכן! טאַקע עפּעס ווי נאָר אויף צו להכעיס.

און דעמאָלט פלעגט עס דאָס שוועסטערל פייערן אויף מיר:

— ביי אים דאַרפן זיין קוטשערעס! ווייסט ניט, אויף וואָס ער דאַרף זיי?

און זי איז געווען אויף מיר שטאַרק אין כעס. פרעגט פאַר וואָס? וואָס בין איך שולדיק, אַז עס דרייען זיך פאָרט ביי מיר די האָר? איך זאָל זיי אפילו אָפּגיסן מיט א הייסן אָקריפּ, וועלן זיי זיך אויך ניט אויסגלייכן. וואָס זשע בין איך שולדיק?

* * *

און ניט נאָר דאָס שוועסטערל האָט געפייערט אויף מיר פאַר די האָר — אַלע: די מומע, די באָבע, און מער פון אלעמען — נחמה, דאָס שטובמיידל. אַלע מאָל, ווען זי פלעגט מיך נעמען צוואָגן, פלעגט זיך טאָן חושך אין שטוב.

— גוואַלד, וואָס איז דאָס פאַר אַ האָר ביי אים? איכל בלייבן אָן הענט פון זיי! — האָט זי געטענהט און געסקובעט מיטן קעמל די קוטשערעס, אויס־געריסן שטיקער פון זיי.

איך האָב געוויינט און געשריען, די שטוב איז געגאַנגען כאָדאָראָם.

און נאָך די אַלע גוואַלדן און די ווייטיקן, וואָס איך האָב מיך אָנגעליטן, האָט ערשט די מאַמע גענומען די שער און דאָס קעמל און מיך איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל אָפּגעשאָרן די האָר, מע זאָל מיך קאָנען צוואָגן.

און דעריבער בין איך שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַן אָפּגעשאָרענער מיט „טרעפּ" אויפֿן קאָפּ. אוי, האָב איך פֿיינט געהאַט די דאָזיקע „טרעפּ"! און ס'איז מיר געוועזן אַזאַ שאָד די קוטשערעס! פֿרעגט זיי וואָס? באשר וואָס — נחמה זאָל מיך קאָנען צוואָגן. גלייך עמעצער בעט זיי, מע זאָל מיר וואַשן דעם קאָפּ. אַז בסך־הכל האָב איך עס פֿיינט ווי חזיר. אַלע פֿרייטיק, ווי איך פֿלעג נאָר דער־זען — מע רוקט שוין די טשאַוואַנעס מיטן לויג אין אויוון אַריין, פֿלעג איך באַלד אַנטלויפֿן פֿון שטוב, ווו פֿעפֿער וואַקסט.

* * *

אָבער אין ספֿירה טאָר מען דאָך ניט שערן. זיינען מיר דעמאָלט אָנגע־וואַקסן קוטשערעס אַ גאַנצער וואַלד! אָך, זיינען דאָס געווען קרייזעלעך!

דערפֿאַר איז אָבער דעמאָלט אויך געווען אַ צוואָגן מיט אַ קעמען, שוין איין מאָל אַ קעמען! ס'איז געווען הימל עפּן זיך פֿון מיינע געשרייען און פֿון נחמהס גוואַלדן.

אמת, נאָכן צוואָגן — בין איך געווען אַ מלכות. די וועלט האָט מיך מקנא געווען אויף מיין קאָפּ האָר. ווען איך פֿלעג אַרויסגיין אין גאַס, האָט זיך מיר געדוכט, אַז אַלע קוקן אויף מיינע קוטשערעס און קוועלן, און איך בין שיין ווי גאָר די וועלט. אַזעלכע קוטשערעס, אַזעלכע קוטשערעס!

ערב ל"ג־בעומר זיינען זיי שוין געווען ווי ביי שמשון הגיבור. איך האָב געגלויבט, אַז אין זיי ליגט אַ כוח, אַז זאָלן זיי נאָך אַ ביסל אונטערוואַקסן, וועל איך ווערן אַ שמשון הגיבור. און איך בין געשטאַנען און זיך געשפּיגלט אינעם שפּיגל און האָב איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל באַשלאָסן — מער ניט לאָזן שערן די האָר, אַ סוף מיט אַן עק!

די מאַמע האָט אָבער אַנדעריש געטראַכט.

— מע דאַרף אים מאָרגן אָפּשערן! — האָט זי געזאָגט צום טאַטן.

מיר האָט אַ טיאַך געטאָן אין האַרצן.

— ניין, איצט וועט דאָס ניט זיין!

און איך האָב אָנגעהויבן פּלוטעווען, זוכן תּירוצים, ווי אַזוי זיך אויסצו־באַהאַלטן, ניט זיין מאָרגן אַ גאַנצן טאָג אין שטוב, ביז ל"ג־בעומר וועט אַריבער, וועט מען דאָך ווידער ביז שבועות ניט קאָנען שערן...

האָב איך אויסגעטראַכט, איך דאַרף גאַנץ פֿרי זיין אין חדר. דער רבי האָט אָנגעזאָגט קומען גאַנץ פֿרי. און איך האָב געטריבן נחמהן מיר אָפּקאָכן די אייער, גיכער פֿאַרטיק מאַכן די קיכלעך.

— וואָס יאָגט ער אזוי די נשמה? — האָט נחמה געשריען. און איך האָבן געגליט. ווער ווייס? — אפשר נעמט זיך די מאַמע שוין צום שערן, איידער איך וועל נאָך אוועקגיין אין חדר? און אַז איך האָב דערזען די מאַמען צוגיין צו דעם קאָמאָד און עפענען דעם אייבערשטן שופלאָד, ווו עס ליגט דאָס שערל, האָב איך געכאַפּט פיר אייער, א ביסל ראָזינקעס, אַ צוקערלעקעכל און אוועק אין חדר אָן קיכלעך, אָן אַ קאָפּיקע געלט, אָן ווישניק — ווי אַלע מאָל.

איך בין געווען פאַרפּלאָמט און צעטראָגן און בין געלאָפן עפּעס אַזוי פריילעך. איכל גיין אין וואַלד ניט קיין אָפּגעשאָרענער, דער שענסטער פון אַלע יינגלעך, דער שטאַרקסטער. איכל זיין שימשון הגיבור. איכל אין וואַלד קערן וועלטן, רייסן ביימער, צעמאָלן אויף שטויב... איכל געבן אַ געשריי, וועלן אַלע בלעטער פון די ביימער אָפּפאַלן, איכל...

* * *

— שטיי, שטיי, ווו יאָגסטו? — האָב איך דערהערט הינטער זיך נחמהס קול און אַ טופּען פון פיס. און איידער איך האָב באַוויזן זיך רעכט אַרומקוקן, האָבן מיך שוין געהאַלטן נחמהס שטאַרקע הענט און געשלעפּט צוריק אַהיים.

— מע דאַרף אים אָפּשערן און ער לויפט! פרעג וואָס? איך בין אָן אַ נשמה געבליבן יאָגנדיק אים.

אַזוי שרייט נחמה און שלעפּט מיך.

נאָר איך בין שוין געקומען צו זיך און גענומען זיך רייסן פון איר.

די קולות זיינען געגאַנגען ביזן הימל. עס זיינען זיך אָנגעלאָפן יינגלעך, מענטשן פון גאַס, מע האָט געלאַכט, געווערטלט זיך. מע האָט געהאָלפן נחמה; טראָגן מיך אַהיים ביז בזיונות!

די מאַמע, די באָבע, אַלע אין שטוב האָבן געגוואַלדעוועט. וואָס הייסט? דו ווילסט זיך ניט שערן? וואָס, ארומגיין ווי א קודלאַטער שייגעץ איז שיין? מע זאָל דיך ניט קאָנען אויסצוואָגן — איז גוט? ווען דען וועט מען דיך שערן, אַז ניט היינט, אום ספירה?

הכלל — איך בין געווען איינער, און זיי — אַלע. און מיינע האָר זיינען נאָך ניט אויסגעוואַקסן אין גאַנצן, און דער כוח איז נאָך ניט געווען אין זיי. האָט מען מיך אָפּגעשאָרן... נאָך ווי מיאוס אָפּגעשאָרן!

איך האָב זיך געבריקעט, געדריגעט מיט די פיס — ס'האָט גאָרניט געהאָלפן. און די טרעפּ אויפן קאָפּ זיינען דאָס מאָל ארויס גרעסער און מיאוסער ווי אַלע מאָל. אוי, טרעפּ, לייטערס גאַנצע! גאָט זאָל אָפּהיטן! ווי אַזוי קאָן מען זיך ווייזן מיט אַזאַ קאָפּ אין חדר? ווי אזוי האָב איך געקאָנט פּראַווען אַ סעודה — אַז מע האָט מיך אָפּגעשאָרן, אָפּגעשאָרן מיט מיאוסע גרויסע טרעפּ אויפן קאָפּ?...

און איך בין ארויף אויפן בוידעם און האָב דאָרט אָפּגעריטשעט דעם גאַנצן טאָג.

ווייסט איר שוין, פאַר וואָס איך בין ניט געגאַנגען אין וואַלד ?
— בין איך ניט געווען גערעכט ? זאָגט שוין איר !...

י. ל. פּרץ

אויפן גרינעם בערגעלע

אויפן גרינעם בערגעלע
וואַקסט אַ יונג ביימעלע,
וויל דאָס ביימעלע ניט שלאָפן,
די לבנה טוט עס שטראָפן.

וויל נישט צומאַכן די אויגן.
איז אַ ווינטל צוגעפלויגן
צו דעם גרינעם בערגעלע,
כאַפּט אַרום דאָס ביימעלע.

„צייט דיר דרעמלען, ביימעלע,
אויפן גרינעם בערגעלע !"
אַזוי זאָגן אויך די שטערן.
נאָר דאָס ביימל וויל נישט הערן,

שאָקלט שטיל און וויגט עס איין :
„ביימעלע, ביימעלע. רויק זיין !
שלאָפן מוז מען, ביימל גרין !"
וויגט אַהער עס, וויגט אַהין.

דרעמלט איין דאָס ביימעלע
אויפן גרינעם בערגעלע...

זומער

אַזאַ שיינער טאָג, אַ ליבער,
און דער הימל שמייכלט, שיינט:
קומט זשע, קינדער, אין די פעלדער,
לאָמיר יום־טוב מאַכן היינט !

לאָמיר פריילעך טאַנצן, שפּרינגען,
לאָמיר לויפן זיך גאַלאָפּ —

ווי אויף פליגלען, ווי אויף ווינטן
באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ.

און די טייכעלעך די בלויע
ווינקען, רופן, ריידן איין :
— וואַרפט אַראָפּ פון זיך די זאַכן,
היי, קונדייסים, שפּרינגט אַריין !

מ. ספעקטאָר

אַ מילכיקע סעודה

שרה־פייגע שטייט אין דער יום־טובדיקער אויסגעפוצטער קיך לעבן טישל און קאַטשעט מיט חשק אַ בלעטל טייג אויף מילכיקע קנישעס. אַרום איר איז אויסגעשטעלט אַ טאָפּ פּוטער און אַ שיסל קעז. לעבן דער מאַמען שטייען אירע צוויי קינדער, יאָסעלע און רייזעלע.

— נו, קינדערלעך, וועלן מיר עס היינטיקן שבועות האָבן מילכיקע כרעמזלעך!... אַזאַ פּוטער, אזא קעז האָב איך שוין לאַנג ניט געהאַט. אַזא פרישקייט, עס שמעקט אזש!

און שרה־פייגע קאָן זיך ניט איינהאַלטן און מיט א שפּיץ לעפל פאַר־זוכט זי א שטיקל פּוטער מיט קעז.

— זיבן טעמען האָט עס! — זאָגט זי ווייטער און שטופּט דעם לעפל די קינדער אין די מיילכעלעך, זיי זאָלן אויך פאַרזוכן. נאָר די קינדער האָבן ניט ליב קיין רויע פּוטער מיט קעז. זיי האָבן ליב פאַרטיקע פריש־געבאַקענע כרעמזלעך. זיי ווילן ניט פארזוכן און באַלעקן זיך פון די קנישעס, וועלכע וועלן אין אַ שעה ארום ארויסקומען פון אויוון.

לאַנג האָט שוין די מאַמע צוגעזאָגט די קינדער צו מאַכן כרעמזלעך און איצטער זעען זיי מיט זייערע אייגענע אויגן, טאַקע אויף דער אמתן דעם קעז, וועלכער קוקט ארויס פון שיסל ווי זילבער, און די פּוטער, וועלכע שיינט ארויס פון טאָפּ. זיי זעען די מאַמען מיט די פאַרקאַטשעטע אַרבל, ווי זי שניידט אויס פון דעם אויסגעקאַטשעטן גרויסן בלאט טייג קיילעכדיקע טייגלעך און לייגט אריין קעז און פארקלעפּט אזוי קונציק. באלד וועלן די טייגלעך אַריבער־גיין אין גליענדיקן אויוון. דער טאַטע וועט באַלד קומען און מע וועט זיך זעצן צו דער מילכיקער סעודה.

— קינדערלעך! — רופט זיך פלוצלונג אָן די מאַמע — לויפט אַריבער צו לאה דער שכנטע און זאָגט איר, אז איך האָב זי געבעטן, לייען פאַר אונדז אַ בעקן.

די קינדערלעך זיינען, ווי צוויי פייגעלעך, רעשדיק אַוועקגעפלויגן.

— איך אַליין וועל טראָגן דעם בעקן, איך דאַרף ניט רייזעלען!

— איך וועל טראָגן, איך דאַרף ניט יאָסעלען!

— קריגט זיך ניט, טראָגטביידע, — שרייט זיי נאָך די מאַמע, — קריגט זיך ניט!

אין עטלעכע מינוט ארום האָט זיך געהערט, ווי יאָסעלע מיט רייזעלען גייען צוריק מיט פּאַראַד און מיט מוזיק. ביידע טראָגן דעם בעקן און מיט

צוויי שטעקלעך פויקט מען אויס אַ גאַנצן מאַרש אויף דעם בעקן. און מיט די מיילכעלעך העלפט מען צו, ווי מיט אַ טרובע און אַ פלייט.

דאָס פויקן אין בעקן און דאָס טראָמפּייטן מיט די מיילכעלעך האָט אָנגעמאַכט אַ רעש אין געסל. מע האָט געמיינט, אַז סאָלדאַטן מיט מוזיק קומען אָן אין שטעטל. דאָס גאַנצע געסל קינדער זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן און יעדער, ווער עס האָט נאָר געקאָנט זיך צורוקן צו דעם בעקן, האָט געגעבן אַ פויק, דער מיט אַ שטעקל, דער מיט אַ שטיינדל און דער מיט אַ קולאַק.

יאָסעלע און רייזעלע זיינען געגאַנגען מיט דעם בעקן פאָרויס. לעבן זיי איז אויסגעוואַקסן עפּעס אַ לאַנג בחורל מיט אַ נישט אָפּגעווישט נעזל און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַן אָפיציר.

ער האָט אַ געשריי געטאָן, אַלע קינדער זאָלן זיך אויסשטעלן ווי סאָלדאַטן. דערנאָך האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: שאַגאָם מאַררשש!!!

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פויקן איבער דעם בעקן און אַ צושפּיל מיט די מיילער. דער ווי אַ טרובע, דער ווי אַ קלאַרנעט און דער מיט צוויי שטעקלעך געשפּילט ווי אַ פידל.

ווער ווייסט, ביז וואַנען עס וואָלט אַזוי געדויערט דער „מאַרש" מיט דעם פויקן, ווען ס'קומט ניט פּלוצלונג שרה־פייגע. אַז זי איז שוין פאַרטיק געוואָרן מיט דעם קלעפּן די קנישעס, פּאַלירטשיקעס און כרעמזלעך, איז זי אַרויסגעלאָפן און האָט אַרויסגעכאַפּט ביי די „סאָלדאַטן" דעם בעקן.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן זיך אין געסל געהערט שרעקלעכע געשרייען. דאָס האָבן זיך געקריגט שרה־פייגע מיט דער שכנטע.

— איבער אייער בעקן האָב איך דאָס אַ פאַרשטערטן יום־טוב, איר האָט מיר געשיקט אַ בעקן מיט אַ לאָך. די פּוטער איז אויסגערונען און אַלץ איז פאַרברענט געוואָרן.

דאָס האָט געשריען שרה־פייגע.

לאה די שכנטע האָט אָבער געטענהט:

דאָס לאָך האָט איר געמאַכט! איך האָב געוואָלט זיין אַ גוטע און אייך געליען דעם בעקן. איצטער האָב איך אַליין ניט אין וואָס צו באַקן. איך האָב אייך געגעבן אַ גאַנצן בעקן, און איר האָט מיר אָפּגעגעבן אַ צעלעכערטן.

— אַזאַ אומגליק! אַזאַ אומגליק! אַזאַ קעז מיט פּוטער איבערגעפּירט! — האָט שרה־פייגע ניט געקאָנט פאַרגעסן.

און די קולות מיט די קללות האָבן ניט אויפגעהערט.

יאָסעלע מיט רייזעלען האָבן זיך פאַרקליבן ערגעץ אין אַ ווינקל און לאַנג זיך ניט באַוויזן. זיי האָבן גוט געוווּסט, פון וואַנען עס נעמט זיך דאָס לאָך, און האָבן באַקלאָגט די פאַרברענטע כרעמזלעך.

שבועות־מאַרש

טראַ—לאַ—לאַ! טראַ—לאַ—לאַ!
גייען מיר אינאיינעם,
גייען מיר שפּאַצירן פיין
אין אַ טאָג אַ שיינעם.

טראַ—לאַ—לאַ! טראַ—לאַ—לאַ!
גייען מיר צוזאַמען;
גלאַנצן אונדז די אייגעלעך
און די באַקן פלאַמען.

גייען מיר, פאַרנוויז,
אַ צווילינג נאָך אַ צווילינג;
איי, איז עס אַ שבועות־טאָג!
איי, איז עס אַ פרילינג!

ווו אַהין? ווו אַהין?
אין דעם גרינעם גאָרטן,
בליען דאָרטן בלימעלעך,
ביימער וואַקסן דאָרטן...

הויך דעם קאָפּ! גלייך דעם פוס!
ווער עס קען, זינג אונטער!
טראַ—לאַ—לאַ! טראַ—לאַ—לאַ!
פריילעך גייט און מונטער!

בלימעלעך! בלימעלעך!
מיר גייען נישט — מיר שוועבן!
טראַ—לאַ—לאַ! טראַ—לאַ—לאַ!
איי, איז עס אַ לעבן!

יידיש: ב. סלוצקי

אַנדערסעס ניי היטעלע

אַ מאָל איז געווען אַ ייִנגעלע. אַנדערס האָט מען אים גערופן. האָט ער געהאַט אַ ניי היטעלע.

קיינער האָט ניט געהאַט אַזאַ היטעלע, וואָס זאָל זיין שענער פאַר אַנדערסעס: דאָס דאָזיקע היטעלע האָט דאָך אויסגעאַרבעט אַנדערסעס מאַמע מיט אירע אייגענע הענט, און ווער קאָן עס מאַכן בעסער פאַר דער מאַמען?

געווען איז דאָס היטעלע אין גאַנצן אַ רויטס, נאָר דאָס דעניקל איז געווען אַ גרינס — ניט געסטאַיעט קיין רויטע וואָל מער — און דאָס קוטעסל איז געווען אַ בלויס.

די ברידערלעך און שוועסטערלעך זיינען נאָכגעלאָפן אַנדערסן און אַנגעקוואָלן פון זיין היטעלע.

אַנדערסן האָט דאָס אָבער גאָרניט געריירט. ער האָט אַריינגעלייגט די

הענט אין די קעשענעס און איז אַוועק אויפן שפּאַציר, און פון גאַנצן הארצן באַדויערט יעדערן, וואָס האָט ניט פאַרמאָגט אַזאַ היטעלע.

* * *

דער ערשטער, וועמען אַנדערס האָט באַגעגנט, איז געווען אַן אָר־בעטער, וואָס איז נאָכגעגאנגען נאָך א וואָגן טאָרף און פלייסיק אונטערגע־שמיצלט דאָס פערדל.

דער ארבעטער האָט זיך אזוי נידעריק פארנייגט פאַר אַנדערסן, אז ער האָט זיך שיר האלדז און נאַקן ניט געבראָכן.

נאָר אַנדערס איז שנעל דוכגעלאָפן פארביי אים.

דאָרט, ווו מע פאַרקערעוועט ביים שליאַך, האָט אנדערס אָנגעיאָגט דעם שוסטערס זון, לאַכסן.

לאַכס איז שוין געווען אַ גאַנץ היפּשער יונג און האָט שוין געטראָגן הויכע שטיוול און געהאַלטן אַ טאַשנמעסערל אין דער כאַלעווע. לאַכס האָט פשוט קיין אויג ניט אראָפּגענומען פון היטעלע. ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און א ריר געטאָן דאָס בלויע קוטעסל.

— הער נאָר, לאָמיר זיך בייטן! — האָט ער געזאָגט — איך וועל דיר געבן מיין טאַשנמעסערל, און דו גיב מיר דיין היטעלע.

לאַכס האָט געהאַט אַ זעלטן מעסערל. נאָר דאָס קלינגל איז געווען צעבראָכן אויף דער האַלב, און דאָס קלעצל איז געווען אַ ביסל קאַליע.

אַנדערס האָט געוווּסט, אַז ווער עס האָט א טאַשנמעסערל, הייסט שוין כמעט אַ גרויסער, דאָך אָבער קומט עס ניט צום היטעלע, וואָס זיין מאַמע האָט אויסגעאַרבעט.

— ניין, איך וויל ניט! — האָט אַנדערס געענטפערט, האָט אַ נייג געטאָן מיטן קאָפּ, זיך אָפּגעזעגנט און איז זיך אַוועקגעגאַנגען ווייטער.

* * *

באַלד נאָך דעם האָט אַנדערס באַגעגנט א שוואַכע אלטע פרוי. די פרוי האָט אזוי נידעריק זיך אַ בוק געטאָן פאַר אים, אז איר קלייד האָט זיך אָנגעבלאָזן ווי א פּענכער. זי האָט געזאָגט אנדערסן, אז דאָס היטעלע פּאַסט אים אַזוי, כאָטש נעם גיי צום קייסער אויפן באַל.

— און פאַר וואָס טאַקע ניט? — האָט אַנדערס א טראכט געטאָן — אויב איך בין יאָ אזוי שיין, פאַר וואָס זאָל איך טאַקע ניט צוגיין צום קייסער?

און ער איז אוועק צום קייסערס פּאַלאַץ.

פאַרן פּאַלאַץ זיינען געשטאנען צוויי ג ר ע נ אַ ד י ר ן אין בלאַנ־קענדיקע קאסקעס און מיט ביקסן אין די הענט.

אַז אַנדערס איז צו זיי צוגעקומען, האָבן זיי אויסגעצויגן די ביקסן און אָנגעשטעלט אויף אים.

— האַלט! — ווער גייט? — האָט איין גרענאַדיר אַ געשריי געטאָן.

— דאָס בין איך — האָט אַנדערס געענטפערט — איך גיי צום קייסער אויפן באַל.

— מע טאָר ניט! — האָט דער צווייטער גרענאַדיר אַ זאָג געטאָן און געמאַכט אַ שריט פאָרויס — אַהער לאָזט מען אריין נאָר מענטשן אין מונדירן!

גראָד אין דער מינוט איז די פרינצעסין אַרומגעשפרונגען איבערן הויף, אָנגעטאָן אין אַ ווייס קליידל מיט אַ בלויען באַנד.

דערזען אַנדערסן לעבן די גרענאַדירן, איז זי צו צו זיי.

— אַך, — האָט זי געזאָגט, — ער טראָגט אויפן קאָפּ אַזאַ שיין היטעלע, און דאָס איז אַלץ איינס ווי אַ מונדיר!

און די פרינצעסין האָט גענומען אַנדערסן פאַר דער האַנט און זיך געלאָזט גיין מיט אים איבער די ברייטע מירמלטרעפּ.

לענגאויס זיינען געשטאַנען דאַמען און קאַוואַליערן, אויסגעפּוצט אין זייד און סאַמעט, און האָבן זיך נידעריק געבוקט פאַר זיי.

זיי האָבן געזען דאָס היטעלע אויף אַנדערסן און האָבן גערעכנט, עס דאַרף געוויס זיין אַ פרינץ.

אין סאַמע עק פונעם גרויסן זאַל איז געשטאַנען אַ טיש מיט אַ סך גאָלדענע בעכערס און געפעס, און אויף גרויסע זילבערנע טאַצן זיינען געלעגן גאַנצע בערג לעקעך און טאָרט.

די פרינצעסין האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול אונטער אַ בלויער חופּה, באַפּוצט מיט גירליאַנדעס רויזן, און האָט אויך אַנדערסן פאָרגעלייגט זיך זעצן אויפן צווייטן גאָלדענעם שטול.

— איידער דו וועסט זיך אָבער נעמען צום עסן, מוזסטו אויסטאָן דאָס היטעלע — האָט די פרינצעסין געזאָגט און עס געוואָלט ביי אים אַראָפּנעמען פון קאָפּ.

— אָ, איך ווייס, ווי אַזוי מע דאַרף זיצן ביים טיש! — האָט אַנדערס געענטפערט און שטאַרק צוגעהאַלטן דאָס היטעלע מיט ביידע הענטלעך. ווייל ווער וואָלט אים געקאָנט פאַרזיכערן, אז ער וועט עס באַקומען צוריק, אויב ער וועט עס אַוועקגעבן?

— הער נאָר — האָט די פרינצעסין געזאָגט — גיסטו מיר דיין היטעלע, גיב איך דיר אַ קוש.

די פרינצעסין איז געווען זייער אַ שיין מיידעלע. אירער אַ קוש איז געווען אַ פאַרגעניגן. אַנדערס אָבער וואָלט פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט

ניט אָפּגעגעבן דאָס היטעלע, וואָס די מאַמע האָט אים געמאַכט. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

— נו, טאָ וואַרט — האָט די פּרינצעסין געזאָגט און האָט אים אָנגעשטאָפּט פולע קעשענעס מיט סטרודל, האָט אים אָנגעטאָן אויפן האַלדז איר שווערע גאָלדענע קייט, דערנאָך האָט זי זיך איינגעבויגן און אים אַ קוש געטאָן.

אַנדערס אָבער האָט זיך נאָך טיפער אריינגעזעצט אין שטול און ניט אַראָפּגענומען זיינע הענטלעך פונעם היטעלע.

* * *

אין דעם האָט זיך די טיר ברייט געעפנט. און דער קייסער איז אַריינגעקומען מיט זיין סוויטע. אַלע — אין בלאַנקענדיקע מונדירן און אין קאַסקעס מיט פעדערן.

דער קייסער אַליין איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פּורפּור־מאַנטל, וואָס איז געווען באַדעקט מיט הערמעלין. דער מאַנטל האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט מיט אַ שלייף איבערן דיל.

אויפן קאָפּ האָט דער קייסער געטראָגן אַ גרויסע גאָלדענע קרוין.

דערזען אַנדערסן אין גאָלדענעם שטול, האָט דער קייסער אַ שמייכל געטאָן.

— דו האָסט זייער אַ שיין היטעלע — האָט ער געזאָגט אַנדערסן.

— יאָ — האָט אַנדערס געענטפערט — די מאַמע האָט עס מיר אויסגעאַרבעט פון דעם בעסטן וואָל, און יעדערער האָט חשק דאָס אויסנאַרן ביי מיר.

— נו, אָבער מיט מיר וועסטו געוויס זיך בייטן? — האָט דער קייסער געזאָגט און אַראָפּגענומען פון קאָפּ זיין גרויסע שווערע קרוין.

אַנדערס האָט דערויף גאָרניט געענטפערט. ער איז אַלץ געזעסן און צוגעהאַלטן מיט בײדע הענטלעך זיין היטעלע, וואָס יעדערער האָט חשק געהאַט ביי אים עס אויסנאַרן.

נאָר אַז דער קייסער מיט דער גילדערנער קרוין אין די הענט איז צוגעגאַנגען צו אים נענטער, איז אויף אַנדערסן אָנגעפאַלן אזא שרעק, וואָס ער האָט נאָך קיין מאָל אַזאַ ניט געפילט.

דער קייסער קאָן דאָך טאָן אַלץ, וואָס ער וויל!

מיט איין שפרונג איז אַנדערס אַראָפּ פון שטול און האָט זיך אַ לאָז געטאָן פייל אויסן בויגן דורך דעם זאַל, איבער די טרעפּ, איבערן הויף. ער איז געלאָפן אזוי שנעל, אַז דער פּרינצעסינס קייטעלע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון זיין האַלדז און אַלע שטיקער סטרודל זיינען אַרויסגעפאַלן פון זיין קעשענע.

נאָר זיין היטעלע איז ביי אים געבליבן גאַנץ. די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געלאָפן אַהיים, האָט ער עס צוגעהאַלטן מיטביידע הענט.

* * *

געקומען אַהיים, איז ער ארויף גלייך צו דער מאַמען אויף די קני און ער האָט איר דערציילט אַלץ, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, ווי מע איז צוגע־שטאַנען צו אים, ער זאָל אָפּגעבן זיין היטעלע.

די ברידער און שוועסטער זיינען געשטאַנען ארום מיט אָפענע מיילער און געהערט, וואָס אַנדערס האָט דערציילט.

נאָר אַז דער עלטערער ברודער האָט דערהערט, ווי אַנדערס האָט ניט געוואָלט אָפּגעבן דאָס היטעלע אפילו דעם קייסער פאַר דער גאָלדענער קרוין, האָט ער געזאָגט, אַז אַנדערס איז אַ נאַר:

— אַ ווערטעלע! וויפל גוטע זאַכן וואָלט מען געקאָנט באַקומען פאַר דער קרוין! אַנדערס וואָלט דעמאָלט געקאָנט האָבן נאָך אַ שענער היטעלע ווי דאָס ערשטע!

אַנדערס איז רויט געוואָרן ווי אַ צוויק. דאָס איז אים גאָר אויף די גע־דאַנקען ניט אַרויפגעקומען. ער האָט זיך אַריינגעגראָבן מיטן קעפּל אין דער מאַמעס אַקסל און זי אַ פרעג געטאָן:

— מאַמע, איך בין א נאַר?

די מאַמע האָט אים שטאַרק צוגעדריקט צו זיך.

— ניין, מיין קליין זונעלע — האָט זי געזאָגט — ווען אפילו זאָלסט זיין אָנגעטאָן אין גאָלד און זילבער פון קאָפּ ביז די פיס, וואָלסטו אויך דעמאָלט ניט אויסגעזען אַזוי שיין ווי איצט אין דיין קליינעם רויטן היטעלע.

ב. גוטיאַנסקי

ניט געשטויגן, ניט געפלויגן

ביי מיין באָבען פייגל העניע
וואַקסן בייגל אין דער זשמעניע.*)
— פייגל־העניע, העניע־פייגל,
אין אַ זשמעניע וואַקסן בייגל?
— ניט געשטויגן!

ביי מיין זיידן פייוול־גאָדל
וואַקסט אַ באָוול אין דער נאָדל.
— פייוול־גאָדל, גאָדל־פייוול,
אין אַ נאָדל וואַקסט א באָוול?
— ניט געפלויגן!

---

*) א הויפן.

ביי מיין מומען פערל־וועליע
טאַנצן בערן אויף דער סטעליע.
— פערל־וועליע, וועליע־פערל,
אויף אַ סטעליע טאַנצן בערן?
— ס'איז פליגן...

ביי מיין פעטער אהרן־שלמה
וואַקסן באַרן אויפן קוימען.
— אהרן־שלמה, שלמה־אהרן,
אויף אַ קוימען וואַקסן באַרן?
— ס'אַ ליגן!

כאַווער־פּאַווער

וואָס האָב איך געזען אין קינאָ?

א.

מאַכט איין מאָל שרה צו איר הינטל האַווריק:

— שטיף ניט ארום, טאַנץ ניט ארום, נאָר זיץ און שפּיל זיך! איך דאַרף ערגעץ אַוועקגיין און באַלד וועל איך צוריקקומען.

מאַכט האַווריק: „גוט", און זעצט זיך אַנידער שפּילן.

נעמט שרה, גייט ארויס און פאַרשליסט די טיר אויפן שליסל.

שפּילט זיך האַווריק איינער אַליין. באַלד אָבער ווערט אים נמאס זיך צו שפּילן איינעם אליין. שטעלט ער זיך אויף און גיט אַ האַווקע איינס, צוויי און דריי, און דערנאָך — אַ דריי זיך אהין און אהער און צעלויפט זיך איבער דער שטוב.

פּלוצלונג דערזעט האַווריק דעם שפּיגל, און דאָרט אין שפּיגל שטייט אַ טיש מיט צוויי בענקעלעך, צוויי פענצטער, אַ שאַפע און א הינטל. דאָס הינטל קוקט גלייך צו אים. פאַרוואונדערט זיך האַווריק און גיט אַ האַווקע. נעמט יענער און גיט אויך א האַווקע. פאַרדריסט דאָס שוין האַווריקן. נעמט ער און וואַרפט זיך בייסן אויף אים. נעמט יענער און וואַרפט זיך אויך בייסן. שפּרינגט ער אָפּ אויף צוריק, שפּרינגט יענער אויך אָפּ אויף צוריק.

האָט האַווריק דערזען, אַז ס'איז אַ מעשה אָן אַן עק, האָט ער גענומען און איז אַרויסגעשפּרונגען דורכן אָפענעם פענצטער אין גאַס ארויס. שטייט דאָרט אויף דער גאַס א גרויסער הונט.

מאַכט האַווריק: „לאָמיר זיך שפּילן".

גיט יענער אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ. צעלייגט זיך דער גרויסער הונט אויף דער ערד און האַווריק הייבט אָן צו טאַנצן איבער אים.

גייט דורך אַ יינגל, הייבט ער אויף אַ שטיין און גיט אַ וואָרף. דערשרעקן זיך ביידע און צעלויפן זיך.

בלייבט איבער האַווריק איינער אליין, שטעלט זיך אנידער אויפן עק גאַס, פאַרדרייסט דאָס קעפּל און צעהאַווקעט זיך.

אויסגעהאַוועקט זיך, איז אים געוואָרן גרינגער אויפֿן האַרצן.

דערזעט ער אין אַ ווינקל שטייען קינדער און דרייען מיט אַ שטריק. געפעלט אים אַזאַ מעשה. לויפט ער צו און הייבט אָן צו טאַנצן איבערן שטריק. האָבן זיך די קינדער צעלאַכט. האָט ער אויך געלאַכט.

זיך גוט אָנגעטאַנצט, איז האַווריק געוואָרן דורשטיק. לויפט ער צו צו אַ קלייטל און זאָגט:

באָרג מיר אַ גלאָז סאָדע־וואַסער.

— ווען וועסטו מיר אומקערן ס׳געלט? — פרעגט דער קרעמער.

מאָרגן. — מאַכט האַווריק.

— גוט. — זאָגט דער קרעמער און צאַפּט אים אָן אַ גלאָז סאָדע־וואַסער.

אויסגעטרונקען, לויפט האַווריק אַוועק צוריק אהיים, שפרינגט אריין דורכן פענצטער, לייגט זיך אין בעט און הייבט אָן הוסטן.

קומט שרה צו גיין, הערט זי, ווי האַווריק הוסט. דערשרעקט זי זיך און גיט אַ פרעג:

— האַווריק, וואָס איז דיר?

— געפערלעך קראַנק, — מאַכט האַווריק.

לייגט זי אים צו אַ קאָמפּרעס. האַווריק הוסט נאָך אלץ. איז שרה שוין ניט געשלאָפן א גאַנצע נאַכט, געזעסן לעבן בעט און זיך צוגעהערט, ווי האַווריק הוסט.

ב.

אויף מאָרגן זאָגט שרה גאָרניט, נעמט האַווריקן, לייגט אים אריין אין וועגעלע, דעקט אים גוט איין און לאָזט זיך ארויס אין גאַס מיט אים. גייט דורך דבורה. מאַכט זי:

— גוט מאָרגן, שרה.

מאַכט שרה:

— אַ גוט יאָר, דבורה.

— וווהין גייט מען דאָס, שרה? — פרעגט דבורה.

— איך גיי צום דאָקטאָר — ענטפערט שרה און טוט אַ זיפץ.

— וואָס עפעס צום דאָקטאָר? — דערשרעקט זיך שוין דבורה.

— וואָס הייסט, דו ווייסט גאָרניט? — פאַרוואונדערט זיך שרה, — האַווריק איז דאָך קראַנק.

— קראַנק! — דערשרעקט זיך דבורה און גיט אַ פּאַטש מיט די הענט, — לויף זשע טאַקע גיכער צום דאָקטאָר.

— אַ גוטן טאָג, דבורה, — מאַכט שרה.

— אַ גוטן יאָר, שרה, — ענטפערט דבורה, גייט אוועק און שאָקלט מיטן קאָפּ.

דערווייל דערהערט ס'הינטל אַזאַ מעשה, אַז מע פירט אים גאָר צו אַ דאָקטאָר. און ער, האַווריק, האָט פײַנט דאָקטוירים.

טראַכט ער זיך: „ווי אַזוי אַנטלויפט מען פון דאַנען?"

אַז שרה קוקט אָבער מיט ביידע אויגן, קאָן מען דען אַנטלויפן?

גייט שרה אַזוי לאַנג, ביז זי קומט אָן צום דאָקטאָרס הויז. זאָגט זי צו האַוריקן, ער זאָל איינליגן שטיל, ווייל זי דאַרף אַריינגיין צו אַ מענטשן. באַלד וועט זי צוריק אַרויס.

זאָגט האַווריק צו.

גייט שרה אַריין אין הויז, טרעפט דעם דאָקטאָר און פאַרקלאָגט זיך פאַר אים, ווי האַווריק הוסט שוין באַלד אַ טאָג מיט אַ נאַכט און זי ווייסט גאָר־ניט וואָס צו טאָן. זאָל דער דאָקטאָר איר עפּעס העלפן.

מאַכט דער דאָקטאָר:

— גוט, שרה, ברענג אַריין דעם קראַנקן.

גייט שרה אַרויס, לויפט צו צום וויגל, הייבט אויף די קאָלדרע — אַ נעכטיקער טאָג: ניטאָ האַווריק! ליידיק דער פּלאַץ, אַקוראַט ווי קיין מאָל ניט געווען דאָרט.

דערשרעקט זיך שרה און לויפט אַוועק איבער די גאַסן זוכן האַווריקן.

ג.

האַווריק איז זיך דערווייל אַרויסגעשפּרונגען פון וועגל, ווען שרה איז אַריין צום דאָקטאָר, גיך אַנטלאָפן אין אַ צווייטער גאַס. ס'איז אים געווען זייער פריילעך, וואָס ער איז פריי און וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל.

דערווייל קומט אָן אַ גאַנצע חברה געלע, שוואַרצע און ווייסע הינטלעך. מאַכן זיי צו אים: — העלאָ, האַווריק! גוט, וואָס מיר האָבן דיך באַגעגנט.

מאַכט האַווריק:

— העלאָ, חברה! און וואָס איז דאָרטן אַזוי גוט, וואָס איר האָט מיך באַגעגנט?

— האָ, — מאַכן זיי, — דאָס גייען מיר האַווקען אויף דער ראַבער קאַץ, וועסטו אויך גיין מיט אונדז.

— האַווקען אויף דער ראַבער קאַץ? — מאַכט האַווריק — מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

גייען זיי שוין אַלע אין איינעם, ביז זיי קומען אָן צו אַ הויז, און אויפן דאַך ליגט די ראַבע קאַץ און דרעמלט. האָבן די חברה אַלע אין איינעם געגעבן אַ האַווקע. האָט זיך די קאַץ דערשראָקן און איז אַראָפּגעפאַלן פון דאַך, דערנאָך באַלד זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס און אָנגעהויבן צו אַנטלויפן.

די חברה — נאָך איר. ביז די קאַץ האָט דערזען אַ הויכן בוים. איז זי תיכף אַרויף ביזן שפּיץ, זיך דאָרט אָנידערגעזעצט און געלאַכט פון דער חברה.

די חברה איז געוואָרן שטאַרק אין כעס. האָבן זיי זיך אַרומגעשטעלט אַרום בוים, פאַרריסן די קעפּלעך און געהאַווקעט.

דערווייל איז געוואָרן פינצטער, זיינען זיך אַלע צעלאָפן, יעדער אַהיים. האַווריק האָט זיך אויך געלאָזט אַהיים. אָבער ער גייט און גייט, און זיין היים איז נאָך אַלץ ניטאָ. דערזעט ער אַ קאַר*) שפּרינגט ער אַריין אין קאַר. גייט צו דער קאָנדוקטאָר, שטרעקט אויס די האַנט און זאָגט: „אַ ניקל". מאַכט האַווריק: „אַ ניקל? מאָרגן!" זאָגט דער קאָנדוקטאָר: „וואָס מיר מאָרגן! איך דאַרף באַלד דאָס ניקל!" מאַכט האַווריק: „אַז איך האָב ניט". מאַכט דער קאָנדוקטאָר: „איז אַרויס גיכער פון דער קאַר!" מאַכט האַווריק: „און אַז איך וויל ניט?".

ווערט שוין דער קאָנדוקטאָר אין כעס און לאָזט זיך צו אים. שפּרינגט האַווריק אַרויס דורכן פענצטער צוריק אויף דער גאַס.

אויף דער גאַס איז שוין קיינער ניטאָ. אַלע שלאָפן שוין אין די הייזער. צעהאַווקעט זיך האַווריק, וואָס קיינער איז שוין ניטאָ אויף דער גאַס. דערנאָך קריכט ער אַרונטער אונטער אַ גאַניק און לייגט זיך שלאָפן.

דערווייל גייט שרה איבער די גאַסן, זוכט און נישטערט, שטעלט אָפּ יעדן איינעם און פרעגט: „האָט איר ניט געזען מיין האַווריקן?"

ניין, קיינער האָט ניט געזען איר האַווריקן. גייט זי ווייטער, ביז ס'איז געוואָרן נאַכט. אָבער זי גייט נאָך אַלץ. איז שוין געוואָרן זייער שפּעט און שרה איז געוואָרן זייער מיד. האָט זי דערזען אַ גאַניק. האָט זי זיך צגעזעצט און איינגעדרעמלט. אין מיטן דער נאַכט כאַפּט זי זיך אויף, ווייל זי האָט דער־הערט, ווי עמעצער מאַכט: „אוי, איז מיר קאַלט!" טראַכט שרה: „אפשר איז דאָס מיין האַווריק?". גייט זי אַראָפּ און גיט אַ קוק: יאָ, איר האַווריק ליגט זיך איינגעדרייט און ציטערט.

נו, נו, אַז זי האָט זיך דאָס דערפרייט מיט האַווריקן, שמועסט מען שוין ניט. באַלד גענומען אים אַהיים, אים אויסגעבאָדן, אויסגעבעט ס'בעט, זיך גע־לייגט שלאָפן און גענומען ביי אים דאָס וואָרט, אַז מערער וועט ער שוין ניט אַנטלויפן פון איר.

---

*) טראַמוויי.

א. פּראַפּאַן

די פּייערלעשער

הוראַ! הוראַ! די פּייערלעשער!

אַקאָרשט ערשט איז נאָך געווען שטיל אויף דער גאַס. קיינער איז ניט געגאַנגען, קיינער איז ניט געפאָרן.

און פּלוצלונג — קלאַפּט עס און ס'קלינגט און ס'פּייפט!

אין אַלע פענצטער באַווייזן זיך פּנימער.

פון די טויערן, פון די קלייטן לויפן אַרויס מענטשן — זען, וואָס ס'איז געשען.

אָט לויפט אָן אַ לאַנגער וואָגן.

איך זע מענטשן מיט בלאַנקענדיקע מעשענע היטלען.

איינער קלינגט אין אַ גלאָק: גלאָן—גלאָן—גלאָן!

— ר—רר—ר! און דער וואָגן איז פאַרבייגעפלויגן.

נאָך אים יאָגט זיך אַ מחנה יינגלעך.

די גאַנצע גאַס איז שוואַרץ פון מענטשן.

פון וואַנען האָבן זיך מיט אַ מאָל גענומען אזוי פיל מענטשן?

— ווו ברענט עס?

— כ'ווייס אויך נישט!

אַלע קוקן זיך אום, דרייען מיט די קעפּ, ציען אויס די העלדזער. מע פּרוווט טרעפן.

— ר—ררר! — נאָך אַ וואָגן מיט פייערלעשער איז דורכגעלאָפן, און נאָך אים — עטלעכע פורן מיט פעסלעך וואַסער.

אַלע לויפן, ווי עמעץ וואָלט זיי נאָכגעיאָגט.

אַ שוואַרצער זייל רויך הייבט זיך אויף צום הימל, און רויטע פונקען פליען אין דער הייך.

עס ברענט מיסתמא ניט ווייט.

איך קאָן זיך ניט איינהאַלטן און לאָז זיך אויך לויפן.

די מאַמע יאָגט מיך אָבער נאָך און פירט מיך צוריק אַהיים.

נאָך וואַסער

הערט: אַ מאָל, אין אַלטע צייטן
פלעגן ווייט, פון אַלע זייטן

װײַבער, מײדלעך גײען נאָך װאַסער
איבער הױפן, איבער גאַסן

מיט אַ קרעמעסל אױף רוקן,
פלעגן זיך צום טײַכל בוקן:

— „אַ גוט־מאָרגן, טײַכל קרױן,
גיב אונדז װאַסער פריש און רײן!"

איצט, אַ ליאַדע לײדיקגײער,
װיל ער טרינקען — גיט אַ דרײ ער

נאָר דעם קראַן אױף גיך — און באַלד
גיסט זיך װאַסער רײן און קאַלט.

מיטן טראַמװײ איבער דער שטאָט

הײנט קומט צו פאָרן לײבלס טאַטע פון לאָדזש. די גאַנצע פאַמיליע פאָרט צום װאָקזאַל אים באַגעגענען. דער עלטערער ברודער יאָסל פאָרט אױפן ראָװער. לײבל מיט דער שװעסטער מיט דער מאַמען פאָרן מיטן טראַמװײ.

לײבל זיצט אין טראַמװײ בײַם פענצטער און קוקט. אַלץ לױפט אים אַנטקעגן: די הײַזער, די מענטשן, די פורן. ער פּרוּװט לײענען די שילדן אױף די געשעפטן. אָבער דאָס איז זײער שװער.

— זע, זע! — גיט ער פּלוצלונג אַ געשרײ צו דער מאַמען — זעלנער!

איבער דער גאַס האָרט לעבן טראַמװײ גײען פאַרבײַ זעלנער מיט אַן אָרקעסטער פאָרױס. די מעשענע טרובעס גלאַנצן אױף דער זון.

— מאַמע! אָט פאָרט יאָסל! איך זע אים! אָט איז ער.

דער טראַמװײ איז גיך פאַרבײַגעפלױגן פאַרבײַ יאָסלען.

אָט איז שױן דער טראַמװײ אין מיטן שטאָט. סאַר א טומל דאָ איז, סאַר א באַװעגונג! אַ לאַסט־אױטאָ, אָנגעלאָדן מיט שטײנקױלן, בראַזגעט אזױ איבערן ברוק, אַז די שױבן פון טראַמװײ ציטערן. עס לױפן פערד, עס קלינגען קײטן פון אַ שװערן װאָגן. פּלוצלונג לאָזט זיך הערן אַ גרילצנדיקער פײַף פון אַן אױטאָ. די מענטשן אױף דער גאַס לױפן זיך פונאַנדער. פערד שפּרינגען אָפּ אין אַ זײַט. אפילו דער טראַמװײ הײבט אָן צו גײן לאַנגזאַמער.

מיט אימפעט פליט דורך דורך דער גאַס א טאַקסי.
— ס'האָט געקאָנט פּאַסירן אַן אומגליק — זאָגט די מאַמע.
דער פּאָליציאַנט נעמט אַרויס א נאָטיץ־ביכל און שרייבט עפּעס.
— וואָס שרייבט ער דאָס? — פרעגט לייבל ביי דער מאַמען.
— ער פאַרשרייבט דעם נומער פון דער טאַקסי — דערקלערט אים די מאַמע — דער שאָפער וועט באַשטראָפט ווערן. ער איז צו גיך געפאָרן.
די היץ איז גרויס. אין דער לופטן טראָגט זיך ארום אַ שווערער שטויב. דער טראַמוויי פאַרקירעוועט זיך צום מאַרק.
אַן אויטאָ באַשפּריצט די גאַסן. הינטערן אויטאָ לויפט נאָך עפּעס אַ באָרוועס ייִנגל און שטעלט אונטער אונטער דעם שפּריצנדיקן וואַסער דאָ איין פוס, דאָ דעם צווייטן.
— מאַמע, זע! — זאָגט לייבל — ער ווערט דאָך אין גאַנצן נאַס.
— אָבער דערפאַר וואַשט ער דאָך די שמוציקע פיס — לאַכט די מאַמע.
דער טראַמוויי פאָרט און פאָרט, דורך שמאָלע גאַסן און ברייטע, דורך פּלעצער, פאַרביי סעדער.
ענדלעך קומט ער צום וואָקזאַל.
לייבל מיט דער מוטער און שוועסטער גייען ארויס פון טראַמוויי. אין אַ ווײַלע ארום קומט אויך אָן יאָסל.
זיי זיינען געקומען פונקט צו דער צייט. ווי נאָר זיי זיינען אַריין אין וואָקזאַל, איז מיט א געקלאַפּערײַ אָנגעקומען דער צוג פון לאָדזש.

וואָס רעדט די באַן?

עס דערהערט זיך אַ פייף פון קאָנדוקטאָר. דער לאָקאָמאָטיוו ענטפערט אים מיט אַ פייף.
אָט מוט ער זיך פאַמעלעך אַ ריר און הייבט אָן סאָפּענדיק צו ריידן מיט די וואַגאָנעס: — אָך, ווי שווער! אָך, ווי שווער! אָך, ווי שווער!...
און די וואַגאָנעס ענטפערן אים:
— נו, איז וואָס? נו, איז וואָס? נו, איז וואָס?...
דער לאָקאָמאָטיוו הייבט אָן גיין גיכער, און שוין פריילעכער צו ריידן מיט די וואַגאָנעס: — אַך, הייס געוועזן! אַך, הייס געוועזן!
נאָר די וואַגאָנעס קלאַפּן בייז: — אונדז איז ניט קיין דאגה! אונדז איז ניט קיין דאגה! אונדז איז ניט קיין דאגה!
דער לאָקאָמאָטיוו איז ארויף אויף דער בריק, האָט זיך זייער דערשראָקן און אָנגעהויבן קרעכצן:

— אוי, ווי שרעקלעך! אוי, ווי שרעקלעך! אוי, ווי שרעקלעך!
און אַז ער איז שוין די בריק אַריבערגעגאַנגען, האָט ער זיך שוין באַרויקט און אָנגעהויבן שטיל צו שעפּטשען:
— איצט איז גוט! איצט איז גוט! איצט איז גוט!

יצחק בערלינער

אין די קויטיקע געסלעך פון שטאָט...

אין די קויטיקע געסלעך פון שטאָט —
אינם אָפּקלאַנג פון רויש און געהילך
ליגן קינדער אויף קיינעמס באַראָט,
לעכצן קינדער, — אַ ביסעלע מילך.

אין די קויטיקע געסלעך פון שטאָט
ליגט דער הונגער ביי יעטוועדן שפּאַן —
און אויף פעלדער — מתנות פון גאָט —
איז צו עסן אַזוי פיל פאַראַן...

אין די קויטיקע געסלעך פון שטאָט —
אויף פּאַפּיר, אויף פּעטאַטעס פון שטרוי
ליגן מענטשן, פון מענטשן פאַרשפּאָט,
איינגעטוליעט אין שטויביקן גרוי.

אין די קויטיקע געסלעך פון שטאָט
האָט דער עלנט זיין פּאַלאַץ געבויט, —
אין די שטיבלעך פון בלעך און פון דראָט
שוועבט ארום דאָרט אַ חלום פון ברויט...

שפּיל אין אַרבעטער

אָפט שפּילן מיר אין אַרבעטער. מיר מאַכן אַ רעדל. איינער פון אונדז איז אין מיטן. יעדעס קינד קלייבט זיך אויס, וואָסער אַרבעט עס וויל: שוס־טעריי, שניידעריי א״א

דער מיטלסטער וואַרפט צו עמעצן אַ טיכעלע. דער, וואָס כאַפּט, דאַרף אויסרופן זיין אַרבעט. דערביי דאַרף ער זיך באַמיען ריידן מיט גראַמען. למשל:

אַ שוסטער: — איך מאַך שיך, גוט און גיך.

אַ שניידער: — מיט מיין נאָדל־פאָדעם ניי איך שיינע בגדים.

אַ סטאָלער: — פאַר דעם קליינעם פישעלע מאך איך באַלד אַ טישעלע.

ווער עס האָט אַ טעות אָדער ווער עס כאַפּט זיך ניט גלייך צו ענטפערן, גיט אַ פאַנד.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

אַ פאַר קליינע שיכעלעך

אָט־אָ איז אַ הויכער באַרג, אָט־אָ — נידעריק אַ טאָל. זיצט אַ שוסטער אויפן באַרג מיט א האמער, מיט אן אָל. קלאפּט דער שוסטער, קלאפּט דריי מאָל:

איינס, צוויי, דריי — אויף גיך.

שטעכט דער שוסטער מיטן אָל —

וואַקסן אויס צוויי קליינע שיך.

זאָגט דער שוסטער:

— שיכלעך, גייט!

גייען שיכלעך אַוועק, ווו די וועלט האָט נאָר אַן עק; גייען שיכלעך ארום, ווו דער שוסטער שיקט זיי אום:

— גייט נאָך ברויט!

— מיר זיינען גרייט!

— גייט נאָך זאַלץ!

— אָט־אָ באַלד!

— גייט נאָך כריין!

— אָט־אָ שוין!

איין מאָל נעמען שיכלעך גיין: ביי אַ טויער בלייבן שטיין. קלאַפּט דאָס רעכטע שיכל איינס, קלאַפּט דאָס לינקע שיכל צוויי. עפנט זיך אַ טיר פאַר זיי.

קומען שיכעלעך אַריין, זיצט אַ באָרוועס קינד אַליין. בלייבן שיכלעך דאָרטן שטיין, ווילן שוין צוריק ניט גיין.

און דער שוסטער אויפן באַרג — וואַרט און וואַרט, וואַרט און וואַרט...

י. רובין

אין קוזניע

(אַ שפּיל)

פּערזאָנען:

שמיד, פורמאַן, פויער, פּאָטער, מוטער, שטיפער.

שמיד: כ׳בין אַ שמיד פון לאַנגע יאָרן,
כ׳שמיד זיך רעדער אויף צו פאָרן,
כ׳מאַך אין קוזניע איינס און צוויי
אייזן־כלים אַלערליי;
כ׳קלאַפּ און קלאַפּ און ווער ניט פויל,
זיין אַ שמיד איז גוט און וויל!

פורמאַן: ברודער, הער, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן,
כ׳דאַרף פיר רעדער פאַר מיין וואָגן,
און מיין פערדל דאַרף איך שמידן,
מאַך נאָר גיך, כ׳זאָל זיין צופרידן.

שמיד: ס׳איז קיין אַרבעט מיר ניט שווער,
כ׳גיב זיך גלייך אַ נעם, אַ קער,
און איך וועל די אַלע זאַכן
גלייך אין אַ מינוט דיר מאַכן:
כ׳קלאַפּ און קלאַפּ און ווער ניט פויל,
זיין אַ שמיד איז גוט און וויל!

פויער: הער נאָר, ברודער, וואָס איך דאַרף —
אַקער־אייזנס בלאַנק און שאַרף,
ס׳איז אויס ווינטער שוין, אויס שנייען,
און מע דאַרף שוין גיין באַלד זייען.

שמיד: וואָס, מיין פויער, דאַרפסט אַן אַקער?
אייזן לייג איך גלייך אין פלאַקער
און אַן אַקער גאָר אַ פּראַכט
איינס און צוויי ווערט באַלד געמאַכט.

כ׳קלאַפּ און קלאַפּ און ווער ניט פויל,
זיין אַ שמיד איז גוט און וויל !

פּ אָ ט ע ר : הערט, רב שמיד, איך האָב צו אייך
אַ בקשה : מאַכט מיר, זעט,
גלייך אַ גאָפּל מיט דריי ציין
און אַ מעסער שאַרף און קליין.
כ׳האָב אַ זון — ער קאָכט און ברענט,
עסט ער פלייש רק מיט די הענט,
פּאַקט אַ חלה און צערייסט,
כאַפּט אַ גרויסע שטיק און בייסט.

ש מ י ד : אמת, אמת, איר האָט רעכט,
עסן מיט די הענט איז שלעכט,
מעסער, גאָפּל גיך און גוט
שמיד איך אויס אין איין מינוט.
כ׳קלאַפּ און קלאַפּ און ווער ניט פויל,
זיין אַ שמיד איז גוט און וויל !

מ ו ט ע ר : כ׳האָב אַ יונג — ניט אויסצוהאַלטן.
מע קאָן פון אים גאָרניט באַהאַלטן.
צו דער שאַף אַ שלאָס כ׳בעט מאַכן,
ער זאָל ניט שלעפּן קיין גוטע זאַכן.

ש מ י ד : פון אַ שטיפער איז דאָך בעסער
אַלץ באַהאַלטן הינטער שלעסער.
כ׳מאַך אַ שלעסל אַ געברענטן,
וועט פאַרזאָגן ער א צענטן;
כ׳קלאַפּ און קלאַפּ און ווער ניט פויל,
זיין אַ שמיד איז גוט און וויל !

ש ט י פ ע ר : הער נאָר, ברודער, הער נאָר מיינער,
דו ביסט שוואַרץ, ווי אַ ציגיינער.
ווילסט מיר פאָלגן, גיב נאָר אייזן,
וועל איך קונצן דיר באַווייזן;
כאַפּן, קלאַפּן, האַקן, טונקען,

אַז עס װעלן פֿליען פֿונקען:
האָסט דאָך אוצרות גרויסע,
שטאָבעס אײַזן ברענענד־הייסע,
צווענגלעך, האַמערס — אַ גן־עדן,
וויל איך עפּעס מיט דיר ריידן.
כ׳שפּרינג זיך אונטער אויף אַ פּיסל,
און דו מאַך פֿאַר מיר אַ שליסל!

ש מ י ד : דאַרפֿסט, איך זאָל אַ שליסל מאַכן?
ווילסט שוין, שטיפֿער, גוטע זאַכן?
גלייך אַנטלויף! מיר ווילט זיך זייער,
אָנדרייען דיך פֿאַרן אויער!...
כ׳קלאַפּ און קלאַפּ און ווער ניט פֿויל,
זײַן אַ שמיד איז גוט און וווויל.

חוני המעגל

אַ מאָל איז חוני המעגל, אַ פּאַרצײַטיקער יידישער געלערנטער, גע־ריטן אויף זײַן אייזל אין וועג און באַגעגנט אַ מענטשן, וואָס האָט געפֿלאַנצט אַ באָקסער־בוים. האָט אים חוני המעגל געפֿרעגט: „אין וויפֿל יאָר אַרום וועט דער בוים געבן פּירות?"

— ערשט אין זיבעציק יאָר אַרום. — האָט דער פֿלאַנצער אָפּגעענט־פֿערט.

האָט חוני המעגל געלאַכט:

— מענטש, איז דען מעגלעך, אַז דו זאָלסט לעבן נאָך זיבעציק יאָר און דו זאָלסט נאָך די זכיה האָבן צו עסן די פּירות פֿון דעם בוים?

האָט אים דער פֿלאַנצער אָפּגעענטפֿערט:

— איך האָב געפֿונען באָקסער אויף דער וועלט, און אַזוי ווי מײַנע עלטערן האָבן געפֿלאַנצט באָקסער־ביימער פֿאַר מיר, אַזוי פֿלאַנץ איך באָק־סער־ביימער פֿאַר מײַנע קינדער.

ישראל דער שניידער

— רב ישראל! רב ישראל! זייט אַזוי גוט! איר קאָנט זיך אונטער־נעמען, ס'זאָל זיין פּאַרטיק דעם קינדס אַנצוגל אויף יום־טוב?

אַזוי שרייט די מאַמע צו ישראל דעם שניידער מיט אלע קרעפטן, ווייל ישראל דער שניידער איז טויב ווי די וואַנט.

ישראל, אַ הויכער ייד מיט אַ לאַנגן פּנים און מיט וואַטע אין די אויערן, טוט אַ האלבן שמייכל און א מאך מיט דער האנט, ווי איינער רעדט:

— „פאַר וואָס זאָל ניט זיין פאַרטיק?"...

— נעמט־זשע אים, זייט אזוי גוט, אַראָפּ אַ מאָס, נאָר געדענקט: עס זאָל זיין פאַרטיק אויף יום־טוב.

ישראל דער טויבער טוט אַ קוק אויף דער מאַמען, ווי איינער רעדט:

„אַ מאָדנע יידענע! דאַכט זיך געניג, אַז מע זאָגט איין מאָל?"...

און ער שלעפּט ארויס פון בוזעמקעשענע אַ לאַנגע פּאַפּירענע מאָס מיט אַ גרויסער ענגלישער שער און שטעלט מיך אַוועק און הייבט מיך אָן אויסצומעסטן אין דער לענג און אין דער ברייט.

די מאַמע שטייט ביי דער זייט און קאָמאַנדעוועט:

— לענגער, נאָך לענגער! ברייטער, נאָך ברייטער!... די הייזלעך ניט פאַרשמעלן! און דאָס קאַפּאָטקעלע זאָל זיין מיט אַ „פאַליבאָם"! אויף עט־לעכע פינגער! נאָך! נאָך אַ ביסעלע!... אָט אַזוי! אין סטאַן זאָל ניט זיין קורץ! נאָך, נאָך!... זשאַלעוועט ניט, וואָרעם אַ קינד וואַקסט!...

ישראל דער שניידער ווייס אַליין גאַנץ גוט, אַז „אַ קינד וואַקסט", ענט־פערט ער ניט דאָס אנדערע וואָרט און טוט זיך זיינס.

אויסגעמאָסטן מיר אלע גלידער, טוט ער מיך אַ שטופּ אָפּ פון זיך ווי איינער רעדט: „קאָנסט גיין, ביסט פריי!"...

מיר ווילט זיך זייער, אַז דאָס קאַפּאָטקעלע זאָל זיין פון הינטן מיט אַ שפּאַלט און מיט א קעשענע נאָך דער „היינטיקער מאָדע". נאָר איך ווייס ניט, צו וועמען זאָל איך זיך ווענדן.

ישראל דער טויבער דרייט צונויף די מאָס אויף צוויי פינגער און רעדט צו דער מאַמען האַלבע ווערטער:

— אַ שווערע צייט!... גרויסע בלאָטעס!... אַלץ טייער!... קאַרטאָפל — מיט גאָלד!... אייער — ניט אַ לעק!... אַרבעט געשלאָגן! נייע זאַכן — ניטאָ! לאַטעס! און לאַטעס!...

די מאַמע שלאָגט אים איבער אין מיטן:

— וויפל וועט איר זיך, אַ שטייגער, הייסן אָנמעסטן ארום און ארום פּאָר דער אַרבעט, רב ישׂראל ?

ישׂראל דער טויבער נעמט ארויס פון זשילעט־קעשענע אַ ביינערן ראַזשיקל, בייגט אויס דעם גראָבן פינגער פון דער לינקער האַנט, אַזוי, אַז עס ווערט אַ גריבל. ער שיט אָן אין גריבל אריין אַ בערגעלע טאַבאַק, טראָגט עס צו פּאַוואָלינקע צו דער נאָז און שלעפּט אריין דאָס בערגעלע טאַבאַק אַזוי קונציק, אַז עס פאַלט ניט קיין סימן אפילו אויף די וואָנצעס. נאָך דעם טוט ער אַ מאַך מיט דער האַנט און א זאָג :

— עט, מיר וועלן זיך ניט קריגן...

— געדענקט־זשע, רב ישׂראל, וואָס איך בעט אייך : ניט שמאָל און ניט קורץ, און אַ „פּאַליבאָם", און דעם סטאָן — גראָם און פריי.

— און אַ שפּאַלט ?... — וויל איך מיך אריינמישן אין מיטן.

— שטיל, לאָז אויסריידן אַ וואָרט ! — זאָגט די מאַמע און דערלאַנגט מיר מיטן עלנבויגן אין זייט אַריין.

— געדענקט זשע נאָך אַ מאָל : ניט קורץ און ניט שמאָל, און דאָס סטאָנדל, און אַ פּאַליבאָם !...

— און אַ קעשענע ? — פּרווו איך מיך נאָך אַ מאָל.

— וועסט ניט אַנטשטומט ווערן ? — זאָגט צו מיר די מאַמע — האָסטו געזען, אַז א קינד זאָל האָבן א נאַטור זיך אריינמישן, ווען עלטערע ריידן ?

ישׂראל דער טויבער נעמט דאָס פּעקל שטאָף אונטער דער האַנט, לאָזט זיך גיין און טוט אַ זאָג פון דער טיר :

— ווילט איר, הייסט דאָס, ס'זאָל ניט אַנדערש זיין אויף יום־טוב ?... אַ גוטן.

שלום עליכם

גדליה דער שוסטער

— אָ, אָט איז גדליה ! איך האָב נאָר וואָס אין זינען געהאַט צו שיקן צו אייך נאָך אַ מאָל !

גדליה איז אַ ייד אַ שוסטער, פון פּאָרנט אָן ציין, מיט אַ גרויס קיי־לעכדיק בערדל.

ער איז אַ פריילעך יידל. ווען ער רעדט, כאַפּט ער אַ טענצל.

— רב גדליה ! — מאַכט צו אים די מאַמע — זאָגט נאָר, איר וועט זיך קאָנען אונטערנעמען אויפנייען דעם קינד אַ פּאָר שטיוועלעך אויף יום־טוב ?

— איר ווילט „נעפרעמעננאַ" אויף יום־טוב ? — מאַכט ער צו דער מאַמען — ס'איז דיר אַן אַנטיק ! איטלעכער וויל אויף יום־טוב ! צירעלע מאָטלס האָב איך צוגעזאָגט צוויי פּאָר באָטיקלעך, פאַר איר און פאַר דער טאָכטער — מוז מען מאַכן... בערל דער שניידער האָט מיך געבעטן אַ פּאָר קעפּלעך, קאָן מען אים אויך ניט אָפּזאָגן ! און זיאַמע דער סטאָלער — אַ פּאָר שטיוול. עס העלפּט ניט, היינט...

— קורץ — שלאָגט אים איבער די מאַמע — לאָמיר הערן ווערטער : קאָנט איר, הייסט דאָס, ניט אונטערנעמען זיך, עס זאָל זיין פאַרטיק אויף יום־טוב ? שיק איך נאָך אַן אַנדער שוסטער...

— פאַר וואָס זאָל איך ניט קאָנען ? — זאָגט גדליה מיט אַ טענצל — צוליב אייך לייג איך אוועק אַלע אַנדערע אַרבעט, און אייערע שטיוועלעך מוזן זיין אויף יום־טוב ! — ס'קאָן עפּעס העלפן ?

און גדליה דער שוסטער קראַצט אויס אַ שטיקל בלוי פּאַפּיר, שטעלט זיך אַוועק אויף איין קני און נעמט מיר אַ מאָס.

— לאָזט צו נאָך אַ קאָפּעטשקע, — זאָגט די מאַמע — נאָך, נאָך !... וואָס זשאַלעוועט איר אַ שטיקל לעדער ?... אָט אַזוי... עס זאָל אים ניט קוועטשן אין די פינגער...

— קוועטשן אין די פינגער — זאָגט איר נאָך גדליה.

— לעדער זאָלט איר געבן, רב גדליה, פון בעסטן. איר הערט ? ניט קיין פוילן !

— פוילן. — זאָגט איר נאָך גדליה.

— פּאָדעשוועס זאָלט איר לייגן גוטע, זיי זאָלן ניט אָפּרייבן זיך.

— אָפּרייבן זיך. — זאָגט נאָך גדליה.

— און די אָפּצאַסן זאָלן ניט אָפּשפּרינגען.

— אָפּשפּרינגען. — זאָגט גדליה.

— דו זעסט כאָטש — זאָגט די מאַמע — ווי מע ברענגט זיך אויס פון דיינטוועגן ? זאָלסט כאָטש ווען לערנען, וועסטו זיין אַ מענטש. אַ ניט, וואָס וועט פון דיר זיין ? אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, אַ הינט־שלעגער...

איך ווייס נאָך אַליין ניט, וואָס עס וועט פון מיר זיין : אַ מענטש, אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, אָדער אַ הינט־שלעגער ! איך ווייס נאָר, אַז אין דער מינוט ווילט זיך מיר זייער, זייער, די שטיוועלעך זאָלן מיר סקריפּען. אוי, ווילט זיך מיר סקריפּקעס !...

גדליה דער שוסטער לאָזט זיך גיין און קערט זיך אום צוריק.

— איר ווילט, הייסט דאָס, „נעפרעמעננאַ" אויף יום־טוב ? — זאָגט גדליה — אַ גוטן.

ביים שניידער

גייענדיק איין מאָל אין גאַס, כאַפּ איך מיך אַריין צום שניידער וועגן דעם שפּאַלט און וועגן דער קעשענע.

ביי אַ גרויסן טיש שטייט ישראל דער טויבער אָן אַ קאַפּאָטע, פאַרטיפט אין דער אַרבעט. אויפן האַלדז — עטלעכע לאַנגע פעדעם, אין זשילעט — עטלעכע נאָדלען. ער צייכנט מיט אַ קריי̆טל, שערט מיט אַ שער און רעדט צו זיך אַליין האַלבע ווערטער, ווי זיין שטייגער איז:

— „פּאַליבאַמעס" מאַך זיי... גראַם זאָל זיי זיין... „פּראָסטאָרנע" — פון וואָס ? מע שניידט זיך די פינגער... קוים־קוים, ווי מיט קרעפּלפלייש...

אַרום טיש זיצן עטלעכע שניידעריונגען און נייען, וואַרפן מיט די נאָדלען גיך, גיך און זינגען אַלע אין איינעם אַ ליד. איינער אַ געלער בחור, מיט קליינע אויפן פּנים, מיט אַ ביסל אַן איינגעפאַלענער נאָז, זינגט אויף אַ גלעקלשטימע און ציט מיטן פאָדעם צום טאַקט.

— וואָס ווילסטו זאָגן, יינגעלע ? — מאַכט צו מיר ישראל.

— אַ שפּאַלט — זאָג איך.

— האַ ? — מאַכט ישראל און בויגט זיך צו צו מיר מיטן אויער.

— אַ שפּאַלט ! — שריי איך צו אים הויך, ער זאָל דערהערן.

— אַ שפּאַלט ?

— אַ שפּאַלט !

— וווּ אַ שפּאַלט ?

— פון הינטן !

— וואָס פון הינטן ?

— אַ שפּאַלט ! מיט אַ קעשענע !

— וואָס פאַר אַ שפּאַלטן ? וואָס פאַר אַ קעשענעס ? — מישט זיך אַריין באַסיע די שניידערין.

— ווילסטו, הייסט דאָס, ס'זאָל זיין דווקא מיט אַ שפּאַלט ? — מאַכט צו מיר ישראל דער שניידער און נעמט אַרויס דאָס ראָזשיקל מיט טאַבאַק — גיי, יינגעלע.

— און מיט דער קעשענע ? — זאָג איך צו אים און מאַך פאַר אים אַ נעבעכדיק פּנים.

— גיי, יינגעלע, אַהיים — מאַכט צו מיר ישראל — כ'וועל שוין זען, ס'זאָל זיין אַלצדינג...

בײַם שוסטער

איך נעם די פּיס אויף די פּלײצעס און לויף אַוועק אַ פרײלעכער פון שנײדער צו גדליה דעם שוסטער װעגן סקריפּקעס אין די שטיװעלעך.

טרעף איך אים ניט אין דער הײם. בײַם װאַרשטאַט זיצט זײַן אַרבעטער ק אַ ר פּ ע איבער אַן אויסגעגלעטער פּאָדעשװע.

קאַרפּע איז אַ געזונטער, אַ ברײטבײנערדיקער יונג מיט אַ געשטופּלטן פּנים, מיט אַ לעדערנעם רײף אויף די שװאַרצע האַרטע האָר.

— װאָס דו, ײנגעלע, װילסט? — מאַכט ער צו מיר אויף ײדיש. — זאָג, װאָס דו װילסט?

— כאָזשאַיען! — ענטפער איך אים אויף רוסיש! — יאַ אָטשעם כאָטעל אימעט דאָ װאַש כאָטשאַיען גדליה!

— אַװעק! דו בעסער רײד ײדיש! מאַכט צו מיר קאַרפּע. ער טוט אַ לעק די פּאָדעשװע מיט דער צונג און מאַכט א צײכן מיט זײַן גראָבן שװאַרצן נאָגל בײַ דער זײט פּאָדעשװע.

— װאָס איז דער שכל, — זאָג איך צו אים אויף ײדיש — װאָס איז דער טעם פון סקריפּקעס? װאָס לײגט איר אַזעלכעס אין שטיװעלעך, זײ זאָלן סקריפּען?

— אַ? — סקריפּקי? — מאַכט קאַרפּע — אַ שטיװעלע סקריפּען, דאַרף מען א צוקער.

— צוקער? — זאָג איך — װאָס איז דער שכל?

— אַ צוקער? — זאָגט קאַרפּע און גיט מיר צו פאַרשטײן דעם שכל — אַ צוקער קלאַפּ־קלאַפּ, סקריפּ־סקריפּ...

— אַהאַ! — מאַך איך צו אים — דעם צוקער צעקלאַפּט מען, טרעש־טשעט ער. נו, און װײטער לײגט מען ניט אַרײן גאָרניט?

— בראָנכן — מאַכט קאַרפּע — אַ ביסנעם בראָנכן.

— בראָנפן? — זאָג איך — װאָדקי, הײסט דאָס? זאַטשעם װאָדקי? מילא סאַכאַר סקריפּ־סקריפּ, אָבער װאָדקי? נאַ שטאָ טאָבי װאָדקי?

קאַרפּע מאַטערט זיך און גיט מיר צו פאַרשטײן, און דװקא אויף ײדיש, דעם שכל, אויף װאָס מע באַדאַרף האָבן בראָנפן.

אײדער מע לײגט אַרײַן, זאָגט ער, אין די שטיװעלעך דעם צוקער, מוז מען פריער די פּאָדעשװע גוט באַשפּריצן מיט בראָנפן, אַניט, נעמט זיך ניט צו גוט דער צוקער.

— אַהאַ — זאָג איך — יאַ אוזשע דאָברע צעקייט: יאַק נע בודע וואָדקי, טאַק נע בודע סאַכאַר; יאַק נע בודע סאַכאַר, טאַק נע בודע סקריפּען.

און איך עפן אויף דאָס בייטעלע און גיב אָפּ קאַרפּען מיין גאַנץ פאַר־מעגן. און איך געזעגן זיך אָפּ מיט אים גאַר פריינדלעך. קאַרפּע רוקט מיר אַריין אַ גרויסע שוואַרצע האַנט, אויסגעשמירט מיט סמאָלע.

איך לויף אהיים איבערבייסן. און פון דאָרטן — אין שול אַריין זיך באַ־רימען פאַר אַלע ייִנגלעך, וואָס פאַר אַ זאַכן מע גייט מיר: אַ קאַפּאַטקעלע פון הינטן מיט אַ שפּאַלט און מיט אַ קעשענע! און שטיוועלעך מיט סקריפּקעס! מיט סקריפּקעס!

שלום עליכם

ביים קירזשנער

יחיאל דער קירזשנער זיצט די אַנדערע שטוב פון אונדז.

מיר כאַפּן זיך אַריין דורכן הויף צו אים אין וואַרשטאַט אַריין.

יחיאל איז אַ ייד דווקא אַ ווייסער, מיט ווייסע האָר; נאָר אַזוי ווי ער האָט שטענדיק צו טאָן מיט שוואַרצע היטלען, איז ער שטענדיק ווי אויסגע־שמירט אין סאַזשע. די נאָז איז ביי אים שטענדיק פון ביידע זייטן פאַרבלויט, און די פינגער זיינען ווי איינגעטונקט אין טינט.

— סקאָצל קומט! אַ גאַסט! וואָס מאַכט איר? — זאָגט צו אונדז יחיאל דער קירזשנער גאָר פריינדלעך. — פאַר וועמען ווילט איר עס אַ קאַשקעט? פאַר זיך אַליין טאַקע, צי פאַר אייער ייִנגל?

— פאַר מיין זון — זאָגט דער טאַטע — נאָר איר זאָלט מיר ווייזן עפּעס רעכטס... עפּעס אַזעלכעס... איר פאַרשטייט?...

— צום ביישפּיל? — פרעגט יחיאל און קוקט אויף די פּאָליצעס.

— צום ביישפּיל — זאָגט דער טאַטע און ווייזט אים אויף די הענט — ס'זאָל זיין אי פיין, אי שיין, אי גוט, אי וואָלוול, אי אַזוי... איר פאַרשטייט?

— האָב איך פון אייערטוועגן פונקט דאָס, וואָס איר באַדאַרפט! — מאַכט יחיאל און טוט אַ כאַפּ פון דער פּאָליצע עטלעכע היטלעך מיט אַ מאָל. און איטלעכס היטעלע, ווען ער טוט עס אַ נעם אויף דער האַנט, טוט זיך עס ביי אים אַ דריי אַליין פון זיך.

אַלע מינוט מעסט ער מיר אָן אַן אַנדער היטעלע, טרעט אָפּ אויף אַ האַלבן מעטער, טוט מיר אַ קוק אין פּנים אַריין מיט אַ שמייכעלע און אַ זאָג צום טאַטן:

— לאָמיר האָבן אַזאַ יאָר, ווי עס פּאַסט אים! האַ? ווי געפעלט אייך אַ היטעלע? שוין איין מאָל אַ היטעלע!

— ניין, רב יחיאל, ניט דאָס מיין איך! — זאָגט דער טאַטע און ווייזט אים אויף די פינגער. — איך וואָלט וועלן אַ מין קאַשקעטל אַזעלכעס, ס'זאָל זיין, איר פאַרשטייט, מיט דער מאָדע, נאָר אָן צאַצקעס. און, און... איר פאַרשטייט?

— זאָגט־זשע אזוי! — מאַכט יחיאל און כאַפּט אַראָפּ מיט אַ לאַנגן שטעקן פון דער אייבערשטער פּאָליצע אַ קאַשקעטל, אַ האַלב־קיילעכדיקס, אַ קאָלירנדיקס, מיט קעסטעלעך, מיט אַ ווייך דאַשעקל, און טראָגט דאָס צו אויף איין פינגער. און עס דרייט זיך ביי אים גיך־גיך, ווי אַ מילכל... פּאַוואָלינקע טוט ער דאָס מיר אָן אויפן שפּיץ קאָפּ. קוים וואָס ער רירט זיך צו, גלייך ווי מיין קאָפּ וואָלט געווען פון דינעם גלאָז, און ער האָט מורא, עס זאָל זיך ניט צעברעכן.

ער ווינטשט זיך אַזאַ יאָר, אַזאַ מזל, ווי דאָס קאַשקעטל פּאַסט מיר! מער ניטאָ ביי אים, זאָגט ער, ווי דאָס איינס...

דער טאַטע דינגט זיך מיט אים לאַנג־לאַנג. יחיאל שווערט זיך, אַז נאָר צוליב אונדז גיט ער דאָס אזוי אוועק אזוי וואָלוול.

איך זע, אַז דעם טאַטן איז דאָס קאַשקעטל שטאַרק געפעלן, ווייל ער גייט צו אלע מאָל, שפּיגלט זיך אין דעם, טוט מיר א גלעט...

— ער זאָל כאָטש איבערטראָגן דעם זומער — זאָגט דער טאַטע.

— צוויי זומערן! — זאָגט יחיאל און שפּרינגט אונטער — דריי זומערן! פאַרניץ געזונט!...

ביז איך קום אין שטוב אַריין, איז שוין דאָס קאַשקעטל ביי מיר אויף די אויערן. איך פיל, אַז ס'איז אויף מיר אַ ביסל צו גרויס.

— אָן אַן אומגליק, אַבי ס'איז ניט ענג! — זאָגט די מאַמע און רוקט עס מיר אָן כמעט ביז דער נאָז.

— זאָלסט עס נאָר ניט אויסטאָן אַלע מינוט און אָנטאָן צוריק! זאָלסט ניט טאַפּן מיט די הענט! טראָג געזונט!...

מ. געלבאַרט

אַרבעטער

ס׳אַרבעט דאָך יעדער,
ס׳דרייען די רעדער,
הענט העלפן צו;
ס׳קלאַפּן מאַשינען,
וועבן און שפּינען:
טו־טו־טו־טו!

שוסטער קאָן מאַכן
לעדערנע זאַכן —
שוכוואַרג אַ סאַך;
האַמערן ברעקלעך,
טשוועקלעך און פלעקלעך:
טאַך־טאַך־טאַך־טאַך!

סטאָלער קאָן מאַכן
הילצערנע זאַכן —
אַלמער און טישן;
הובלען און זעגן,
ברעטער מיט ברעגן:
ציש־ציש־ציש־ציש!

שלאָסער קאָן ווייזן,
שטאָל, מעש און אייזן
ווי מיטן קוק —
בויגן און גיסן,
ברעכן און שליסן:
הוק־הוק־הוק־הוק!

שניידער קאָן נייען,
שטעפּן און דרייען
גיך די מאַשין;
מענטשישע קליידער
שטעפּן כסדר:
דזין־דזין־דזין־דזין.

ס׳אַרבעט דאָך יעדער,
ס׳דרייען די רעדער,
הענט העלפן צו:
ס׳קלאַפּן מאַשינען,
וועבן און שפּינען:
טו־טו־טו־טו!

א. רייזען

דער נאַכט־װעכטער

שפּעט. די נאַכט איז קאַלט און פינצטער, עלנט שלעפּט זיך נאָר דער וועכטער
נעפּלדיק און נאַס;
אין די הייזער רוען אַלע.
טויט און שטום אין גאַס.
אויף דער גאַס אַרום;
אין די שטילע הייזער קוקט ער
טרויעריק און שטום.

דאָרט אין ווייכן וואַרעם בעטל
שלאָפט זיך אַזוי גוט;

אוי, ווי וואָלטן זיינע ביינער
דאָרט זיך אויסגערוט!

אַ קלוגער ענטפער

אַ גריך האָט געפונען אַ צעבראָכן שטויסל. ברענגט ער עס צו אַ יידישן שניידער און זאָגט:

— פאַרניי מיר אָט דאָס צעבראָכן שטויסל.

בייגט זיך אָן דער שניידער, הייבט אויף אַ הויפן זאַמד און דערלאַנגט עס דעם גריך.

— אָך, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן — זאָגט דער ייד — נאָר פריער זייט אַזוי גוט און דריי מיר אויס פון דעם זאַמד אַ פאָדעם.

גוט געהאָלפן...

— מאַמע, אָדער דו טראָג אַריין האָלץ, און איך וועל זיין אין שטוב, אָדער איך וועל זיין אין שטוב, און דו טראָג אַריין האָלץ.

* * *

— וואָס טוסטו?
— גאָרניט.

— און ער וואָס טוט?
— ער העלפט מיר.

קוקוק - ליבער זומער

בלימלעך אויף די לאָנקעס,
ביימעלעך אין גאָרטן,
קאַרשן אויף די צווייגן,
פרוכטן אַלע סאָרטן.
היי, היי זומער!
קוקוק — ליבער זומער!

קרויט, סאַלאַט און מערן
וואַקסן אויף די פעלדער,
מאַלינעס און יאַגדעס
זאַפטיקע אין וועלדער.
היי, היי זומער!
קוקוק — ליבער זומער!

ריטעכלעך זיך רויטלען,
אוגערקעס זיך גרינען,
אין די בינענשטאָקן —
האָניק פון די בינען.
היי, היי זומער!
קוקוק — ליבער זומער!

שוואַלבן אין דער לופטן,
אייעלעך אין נעסטן,
און דער פויגל קוקוק
אויפן בוים דעם גרעסטן.
היי, היי זומער!
קוקוק — ליבער זומער!

די זאַנגען

אַ פאָטער איז געגאַנגען מיט זיין קליינעם זון דורך אַ פעלד. דאָס פעלד איז געווען באַדעקט מיט זאַנגען. דאָס יינגל האָט געזען, ווי אַ טייל זאַנגען שטייען גראָד, מיט די קעפּ אַרויף, און אַ טייל זאנגען שטייען איינגעבויגן, מיט די קעפּ אַראָפּ צו דער ערד.

— פאַר וואָס שטייען אָט די זאַנגען גראָד, און יענע האָבן אַראָפּגע־לאָזט זייערע קעפּ? — האָט דער זון געפרעגט ביים פאָטער.

דער פאָטער האָט אים געענטפערט:

— אָט יענע זאַנגען, מיט די קעפּ אַראָפּ, זיינען פול מיט קערנער. זיי זיינען שווער, און זיי בייגן זיך דערפאַר אַראָפּ. און די, וואָס שטייען גראָד, זיינען ליידיק, אָן קערנער; זיי רייסן דערפאַר זייערע פוסטע קעפּ אַרויפצו.

מאני לייב

דאָס ליד פון ברויט

פאַר די הענטלעך אין די רינגען
שיינע קליינע קינדער זינגען:

„גאָט געטרייער, גיב אַ רעגן
פון די קליינע קינדערס וועגן!"

ווייזט אַ וואָלקן זיך פון אויבן,
נעמען זיך די פעלדער שטויבן,

און אַ רעגן — פערל־ריין,
טריף־טראָפּ, טריף־טראָפּ —
הייבט אָן גיין.

נעמען פעלדער זיך צעשפּרייטן,
ווייך צעאַקערטע אין בייטן —

ווערן גרינע קאָרנזאַנגען
פון די בייטן אויפגעגאַנגען.

נעמט אַ טוי אויף זיי באַלד פאַלן,
וואַרעמט זיי די זון מיט שטראַלן.

ווערן פעלדער געל ווי גאָלד,
פול מיט קאָרן, קאָרנגאָלד.

נעמען פולע פורן פאָרן,
פורן פאָרן, פירן קאָרן

דורך די בערג און דורך די טאָלן
אין די מילן דאָס צו מאָלן.

הייבן אָן די ווינטן ווייען
און די מילן־פליגל דרייען;

מאָלן מילן, מאָלן שנעל
פון דעם קאָרן ווייסע מעל.

קנעט דער בעקער מעל מיט הויוון
און פאַרהייצט דעם גרויסן אויוון.

ברענט דאָס פייער, שייטלעך קנאַקן,
נעמט דאָס ברויט זיך בעסער באַקן.

קויפן מאַמעס ברויט דעם פרישן
און דערלאַנגען אויף די טיש.

עסן קינדער פרישן ברויט —
זיינען זיי געזונט און רויט.

א. שטיינבאַרג

אַ טאַנץ

אויף אַ שטיין
זיצט אַ רעטעך מיט אַ כריין.

זאָגט דער רעטעך:
— עטעך — פעטעך!
ס׳איז דער הימל אַזוי ריין —
לאָמיר ביידע טאַנצן גיין!

באַלד געוואָרן איז אַ פרייד
און געלאָפן קינד און קייט —
ס׳טאַנצט אַ רעטעך מיט אַ כריין!
ווי זשע לויפט מען דאָס ניט זען?
און מע האָט פאַר פרייד געוויינט.

איך בין אויכעט דאָרט געווען.
צוגעשטופט האָב איך זיך שווער
און כ׳האָב אויך געלאָזט אַ טרער!

י. גובקין

אין גאָרטן

וואַקסן פרוכטן אויף דיביימער.
שטייט און טראַכט דער אַלטער שומר:

— עפל רויטע, באַרנעס שיינע,
גרויס און זאַפטיק, אָט אַזוינע,

וועט מען פּאַקן אין די קעסטלעך,
אין די קוישן, אין די פעסלעך,

און צעשיקן נאָנט און ווייט
פאַר די ליבע, קליינע לייט.

וועלן עסן קינדער קליינע —
יינגלעך שטיפערס, מיידלעך שיינע,

שוואַרצן ברויט און רויטע עפּל,
געלע באַרנעס, ווייסן ברויט.

וועלן זיי ווי עפּל וואַקסן,
שיין און שטאַרק, געזונט און רויט.

אברהמל

אברהמל גייט אין שטאָט אַריין. ער שלעפּט אויף די פּלייצעס אַ זאַק עפּל צו פאַרקויפן. דער וועג איז אַ שווערער, אַ זאמדיקער. אברהמל שלעפּט נעבעך קוים די פיס. פּלוצלונג דערהערט ער — עמעץ פאָרט.

— וווהין גייסטו דאָס, אברהמל ?

— אין שטאָט אריין, אַ ביסל עפּל פאַרקויפן.

— קריך אַריין אין וואָגן. איך זע, אַז דו ביסט זייער פאַרמאַטערט. איך וועל דיך צופירן.

אברהמל דערפרייט זיך און קריכט אַריין אין וואָגן.

אין אַ ווײַלע אַרום קוקט זיך מיכל אַרום און זעט — אברהמל זיצט אויפן וואָגן און האַלט נאָך אַלץ דעם זאַק עפּל אויף די פּלייצעס.

— נאַרישער אברהמל, צו וואָס האַלטסטו דעם זאַק אויף זיך ? לייג אים אַריין אין וואָגן.

— אוי, אַ דאַנק ! איך האָב געקלערט : גענוג וואָס איר האָט מיך אַליין ארויפגענומען, צו וואָס נאָך מאַטערן אייער פערד מיט מיין פּעקל ?

י. קאַצענעלסאָן

דו שלאָגסט זיך נאָר!

זיסעלע איז אַראָפּ אין גאָרטן געזעגענען זיך מיט אירע בלומען. די בלומען האָבן שוין אָנגעהויבן צו וועלקן. זי האָט געוואָלט זיך אויך געזע־גענען מיט די פייגעלעך, וואָס האָבן זיך שוין געקליבן אין וועג אַריין. זיסעלע האָט אומעטיק און שטיל געשעפּטשעט : „דער האַרבסט ! דער האַרבסט !"

פּלוצלונג האָט איר וועך אין אַקסל אַ קלאַפּ געגעבן. זיסעלע האָט זיך איינגעקוקט — אַן עפּל !

אַן עפּל איז פון בוים געפאַלן. זי האָט אים אויפגעהויבן און מיט אַ געלעכטער אַ זאָג געטאָן: „דו שלאָגסט זיך גאָר, עפּעלע?... וועל איך דיך דערפאַר אויפעסן"...

און זיסעלע האָט מיט אירע ווייסע ציינדלעך דאָס עפּעלע איינגעביסן.

שלום עליכם

אַ יאַריד

עס איז שוין גרויסער טאָג. היינט איז אַ מאַרק־טאָג. מע קאָן זיך דורכן יאַריד ניט דורכשלאָגן.

דאָרט איז דער ריכטיקער טומל. אַלץ איז דאָרט אויסגעמישט אין איי־נעם: מענטשן, פערד, און בהמות, און חזירים, און וועגן, און רעדער... און יידן אַלערליי: יידן מיט פעלכלעך, יידן מיט היטלען, יידן מיט שניט־סחורה, יידן מיט בולקעס, מיט אייערבייגל, מיט קיכלעך, מיט עפּלקוואַס און מיט וואָס איר ווילט.

היינט ווייבער! ווייבער מיט קאָשיקעס, ווייבער מיט עפּעלעך, און ווייבער מיט הינער, און ווייבער מיט געפּרעגלטע פיש און גלאַט ווייבער.

און דאָס אַלץ רעדט און קוויטשעט און גראַגערט. און די פערד מיט די בהמות מיט די חזירים העלפן אונטער.

און בעטלער זינגען און שפּילן אויף דער לירע — מע קאָן טויב ווערן.
און אַ שטויב שטייט אַזעלכער, אַז מע זעט קוים איינס דאָס אַנדערע.
און ריחות אַזעלכע, אַז מע קאָן דערשטיקט ווערן.

דער גאָלדענער האַרבסט

— עס קומט דער גאָלדענער האַרבסט.

— פאַר וואָס איז דער האַרבסט אַ גאָלדענער?

— קום אין וואַלד, וועסטו זען.

מיר זיינען אין וואַלד אַוועק. ס׳האָט אַ קאַלטער ווינט געבלאָזן. די זון האָט קוים־קוים געוואַרעמט.

מיר זיינען צווישן דיביימער געגאַנגען.

מיט אַ מאָל האָט אונדזערער אַ שילער אויסגעשריען:

— גאָלד! גאָלד!

און ער איז אַוועקגעלאָפן.

מיר זיינען אים נאָכגעלאָפן. מיר האָבן דערזען אַ הויכן בוים. דער בוים איז געווען אין גאַנצן אַ געלער, פונקט ווי אַ גאָלדענער.

מיר האָבן די בלעטער פון דער ערד גענומען און ניט געקאָנט זיך אין זיי זאַט אָנקוקן.

— קומט אהער! סאַר אַ שיינקייט! — שרייען די קינדער.

מיר זיינען געלאָפן אַהין. דאָרט איז נאָך אַ שענערער בוים געשטאַנען. די בלעטער זיינען געווען פון אַלע קאָלירן: העל־געלע, ראָזע, רויטע און ברוינע.

אָט גיט אַ בלאָז אַ ווינט, און די בלעטער פאַלן, פאַלן פונעם בוים און לייגן זיך קופּעסווייז אַרום אים.

מיר זיינען אויף אַן אַלייע ארויס. פון ביידע זייטן — געלע ווענט פון פאַרגעלטע ביימער. דער וועג איז מיט בלעטער געבעט. עס איז ווייך צו גיין. די בלעטער שורשען אונטער די פיס.

ווי גוט עס איז אַ וואָרף צו טאָן זיך אויף דער ערד און איינגורען זיך אין די בלעטער!

מײַן זײדנס ברכה

נאָך דער סעודה פאַר כּל נדרי
פלעגט מיך בענטשן דאַן דער זײדע:
אויף מײַן קעפּל פלעגט ער לײגן
זײַנע דאַרע הענט די בײדע.

צוגעטוליעט צו זײַן קיטל,
פלעג איך ציטערן און הערן,
און דעם זײדנס כּמאַרנע אויגן
פלעגן װערן פול מיט טרערן.

„נו, מײַן קינד, איצט קום אין שול מיט,
גאָט װעט אַלדאָס גוטס שױן געבן.
זײַ אַ גוטער זײַ אַ פרומער,
שרײַבט ער אָן דיר לאַנג צו לעבן".

צדקה

עס איז געװען אַ מאָל אַ ייד אַ גרױסער בעל צדקה. זײַן גאַנץ פאַר־מעגן האָט ער צעטײלט פאַר אָרימע.

אײן מאָל, אין הושענא רבה, האָט דאָס װײַב אים געגעבן צען גילדן, ער זאָל קױפן מלבושים פאַר די קינדער. װען ער איז אַרױסגעגאַנגען אין מאַרק, האָט ער באַגעגנט צװײ יידן. די יידן האָבן געקליבן געלט אויף אַ בגד פאַר אַ יתום. האָט ער זײ אװעקגעגעבן זײַן גאַנץ געלט, און האָט זיך געשעמט צו גײן אַהײם.

איז ער אַװעקגעגאַנגען אין שול. דאָרט האָט ער געזען אתרוגים, װאָס די קינדער שפּילן זיך מיט זײ אום הושענא רבה. האָט ער אױפגעקליבן אַ פולן זאַק מיט אתרוגים, איז אַװעק צום ים הגדול און איז אָפּגעשװומען אין אַ מדינה, װוּ דער קײסער װױנט.

אין יענער צײַט איז דער קײסער קראַנק געװען. האָט מען אים גע־הײסן עסן אתרוגים, װעט ער געזונט װערן. מען האָט געזוכט אין אַלע שיפן, נאָר מען האָט קײן אתרוגים נישט געפונען.

האָבן דעם קייסערס שרים געטראָפן דעם יידן זיצן אויף זיין זאַק. זאָגן זיי: האָסטו עפּעס? זאָגט ער: איך בין אַן אָרימאַן, איך האָב גאָר נישט. האָבן זיי אָנגעהויבן זוכן אין זיין זאַק און געפונען אתרוגים. האָבן זיי געבראַכט דעם יידן מיטן זאַק פאַרן קייסער. דער קייסער האָט געגעסן די אתרוגים און איז געזונט געוואָרן.

האָט מען אויסגעליידיקט דעם זאַק, און עס אָנגעפילט מיט גאָלדענע רענדלעך און אַוועקגעגעבן דעם יידן.

ל. קוויטקאָ

האַרבסט

זיך צוגעגרייט שוין ציבעלעס,
און בורעקעס, קאַרטאָפל.
דער פעטער טוט די שטיוול אָן
און טוט אויס די פאַנטאָפל.

דער פעטער גרייט דעם וואָגן צו
אויף שליאָטעס און אויף בלאָטעס.
די מומע לייגט אויף טולופלעך
גאָר שפּאָגל נייע לאַטעס.

און שטיל דער הונט גייט אום אַזוי,
מיט איינגעשמירטע לאַפּעס.
דאָס הינדעלע — אַ סטאַטעקל,
כאַטש נעם עס און כאַטש כאַפּ עס.

די פייגעלעך שטייען אָנגענעצט,
און פורקען אויף די פלויטן.
און אַך! — ביי אַלע ביימעלעך
שוין שיילן זיך די הויטן.

די פאָן

א.

אַז איך בין געווען אַ קליין יינגעלע, האָט מען מיך גערופן „טאָפּעלע טוטאַריטו", דאָס הייסט „קאָפּל קוקאַריקו". ווייסט איר פאַר וואָס? ווייל, ערשטנס, האָב איך געהאַט אַ דין קוויטשיק קעלכל, ווי אַ יונג האָנעכל, וואָס האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו קרייען, און, צווייטנס, האָב איך ניט געקאָנט אויס־ריידן קיין „קוף" און „כף" און קיין „גימל". און ווי אויף צו להכעיס האָט מיין טאַטע באַדאַרפט הייסן קלמן, מיין מאַמע — גיטל־קלמנס, איך — קאָפּל גיטל־קלמנס און דער רבי — גרשון־גאָרגל דרדקי פון גאַלאַגאַנאָווקע.

— יינגל, ווי רופט מען דיך?

— מיך? טאָפּל דיטל־טלמנס.

— העכער אַ ביסל!

— טאָפּל דיטל טלמנס.

— נאָך העכער!

איך שריי הויך, אויף אַ קול:

— טאָ—פּל! די—טל טל—מנס!

דער עולם לאַכט.

דער עולם לאַכט, און איך וויין.

איך וויין נישט פון דעם, וואָס מע לאַכט פון מיר, נאָר דערפאַר, וואָס מע שלאָגט מיך. איטלעכער, ווער עס האָט גאָט אין האַרצן, דער שלאָגט מיך: דער טאַטע, די מאַמע, די שוועסטער, דער רבי, די תלמידים. מע לערנט מיך, איך זאָל ריידן „ווי אַ מענטש".

ב.

האָבן אויף שמחת־תורה אַ פאָן, טאַקע וואָס אַ פאָן הייסט, אַ פאָן מיט אַ שטעקל, פון אויבן אַן עפּל, אינעם עפּל אַ ליכטל — דאָס האָט ביי מיר דעמאָלט אויסגעוויזן אַזאַ גליק, אַזאַ גליק, וואָס איך האָב גאָר מורא געהאַט טראַכטן פון דעם. קאַרג גוטע זאַכן איז פאַראַן אויף דער וועלט? למאַי ס'איז פאַראַן אַזעלכע יינגלעך אין חדר, וואָס פאַרמאָגן געלט אויף צו קויפן אַ מעסערל, אַ בייטעלע, אַ שטעקעלע? למאַי ס'איז פאַראַן יינגלעך אַזעלכע, וואָס עסן ווייסע בולקע אין דער וואָכן... אַזאַ מזל!

איך האָב קיין ווייסע בולקע אין דער וואָכן קיין מאָל נישט געגעסן.

איך האָב נישט געוווּסט דעם טעם, וואָס הייסט אָפּעסן אזוי, אַז איך זאָל טאַקע באַלד ניט קאָנען עסן נאָך אַ מאָל.

היינט ווער שמועסט — האָבן ביי זיך אין קעשענע אַ קאָפּיקע, אַן איי־גענע קאָפּיקע — דאָס האָט זיך מיר אפילו ניט געחלומט.

און שטעלט אייך פאָר, אַז איך, קאָפּל קוקאַריקו, ווער מיט אַ מאָל אַ גביר און באַקום מיין אייגנס צוויי און צוואַנציק קאָפּיקעס!

אפשר מיינט איר אַ נס — אַ פּריץ האָט פאַרלאָרן, און איך האָב געפונען? האָט איר דווקא נישט געטראָפן.

איך האָב זיי, שווער איך אייך, פאַרדינט, כשר פאַרדינט, פאַרהאָרעוועט מיט מיינע אייגענע פיס.

דאָס איז געווען פּורים. האָט מיך דער טאַטע געשיקט, איך זאָל צע־טראָגן דעם שלח־מנות צווישן די באַלעבאַטים פון דער קצבישער קלויז. פריער פלעגט צעטראָגן דעם שלח־מנות איינע פון מיינע עלטערע שוועסטער. איצט, אַז איך בין שוין אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז איך מעג שוין אויך זיין אַ שטיקל הילף.

האָב איך גענומען דאָס שעלכל מיטן פלעדל, אַרומגעטראָגן דאָס פון שטוב צו שטוב צווישן אַלע באַלעבאַטים, געקנאָטן מיט די באָרוועסע פיס די קאַלטע גליטשיקע בלאָטע, און פון די גראָשנס, וואָס מע האָט מיר געשענקט פאַרן וועג, האָב איך געמאַכט אַ זילבערנעם פערציקער מיט פיר גראָשנס.

איז געבליבן ביי מיר, איך זאָל איבערלאָזן פון דעם געלט אויף סוכות — זיך קויפן אַ פאָן.

ג.

גאָט האָט געהאָלפן, דער סוכות איז געקומען, און איך האָב מיר געקויפט אַ פאָן, אַ גרויסע, אַ געלע, אַ „צווייזייטיקע".

פון איין זייט זיינען געווען אויסגעמאָלט צוויי חיות, וואָס האָבן געהאַט אַ פּנים פון קעץ, נאָר באמת זיינען זיי געווען לייבן מיט אָפענע מיילער און מיט לאַנגע צונגען. אויף די צונגען ביי זיי זיינען געווען אַרויפגעטאָן פייפלעך, אַפּנים שופרות, מחמת ס'איז געשטאַנען אָנגעצייכנט גרויסע אותיות: בחצוצרות וקול שופר.

אונטן, אונטער די לייבן, איז געשטאַנען אויפגעשריבן פון דער רעכ־טער האַנט: דגל מחנה יהודה, פון דער לינקער האַנט: דגל מחנה אפרים.

דאָס האָט איר ערשט איין זייט פאָן. אויף דער אַנדערער זייט איז געווען נאָך שענער. דאָרט זיינען געשטאַנען אויסגעמאָלט די פּאָרטרעטן פון משה מיט אהרנען, פינקטלעך ווי לעבעדיקע.

באַקומען אַ פאָן, באַדאַרף מען קריגן אַ שטעקל צו דער פאָן.

דאַ מוז מען שוין אָנקומען צו ר׳ זלמן דעם סטאָלער, וואָס איז געזעסן מיטן רבין אונטער איין דאַך.

— וואָס וועסטו עפּעס זאָגן, טאַפּעלע טוטאַריטו?

— אַ שטעטל צו דער פאָן.

— וואָס הייסט — זאָגט ער — אַ שטעטל?

אַ שטעטל — זאָג איך — פון אַ שטיטל האָלץ, מע זאָל טאָנען טראָגן די פאָן.

ר׳ זלמן טרייבט מיט מיר קאַטאָוועס, ביז איך צעוויין זיך. דעמאָלט ווערט ער ווייך, וואַרפט אַוועק אַלע אַרבעט, נעמט א שטיקל האָלץ, אַ שניץ אַהער, אַ שניץ אַהין — פאַרטיק.

אַצינד פעלט מיר נאָר אַן עפּל מיט אַ ליכטל. געוויינטלעך, פון וואַקס, ניט פון חלב, וואָרעם חלב, אַז עס וועט אַרויפקאַפּען אויפן עפּל, איז פאַר־פאַלן דער עפּל, מע וועט אים נאָך דעם ניט קאָנען עסן. אָבער וואַקס מאַכט ניט אויס, וואַקס איז כשר...

נו, און וואַקס איז דאָך ביי מיר פאַראַן מער, ווי ביי אַלע יינגלעך. אדרבא, אַ יינגל, אַז ער באַדאַרף א שטיקל וואַקס, צו וועמען קומט ער אָן? — צו מיר! וואָרעם מיין טאַטע איז דאָך אונטעשמש אין דער קצבישער קלויז. איז וואָס עס בלייבט פון די ליכט, געהערט צו אים.

הקיצור, איך האָב אַלצדינג, וואָס מע באַדאַרף!

ד.

אַריינגעזעצט די פאָן אינעם שטעקל, אויפגעפּאַסט אויפן שפּיץ אַ רויטן עפּל און אָנגעצונדן פון אויבן דאָס וועקסן ליכטל, לאָז איך מיר שמיני־עצרת אויף דער נאַכט אין שול אריין צו די הקפות לעבעדיק, פריילעך.

— מזל־טוב! טאַפּעלע טוטאַריטו האָט אַ פאָן! שלום־עליכם אַ גוטער ייד, אַ האַלבער פּנים אָפּגעבריט...

מיט אַזאַ ברייטן ברוך־הבא האָבן מיך חברה קונדייסים באַגעגנט, אַז איך בין געקומען אויפן שול־הויף מיט מיין פאָן.

איך באַטראַכט אַלע פאָנען און וואַרף אַ קוק אויף מיין פאָן — ווער? וואָס? וועמען? ווי קומען זייערע פאָנען צו מיין פאָן?

ערשטנס, די פאָן אַליין.

ביי קיינעם שטייט זי ניט אַזוי גלייך אַריינגעזעצט אין שטעקל, אַז מע זאָל אַרויסזעןביידע זייטן.

ביי קיינעם איז ניטאָ אַזאַ גלייך, קיילעכדיק, געטאָקט שטעקל.

ביי קיינעם איז ניטאָ אַזאַ רויטער גלאַטער עפּל.

ביי קיינעם איז ניטאָ אַזאַ געראָטן ליכטל. וואָרעם ווער פאַרמאָגט עס אזוי פיל וואַקס ווי איך?...

איך מאַך אַ פאַרגלייך צווישן מיין פאָן און צווישן די אַלע איבעריקע פאָנעץ — און מיין האַרץ ווערט פול מיט גדלות.

עס מאָלט זיך מיר אויס, אז איך וואַקס און וואַקס העכער און העכער, לענגער און ברייטער. די פיס טראָגן מיך, עס גלוסט זיך מיר לאַכן, שרייען, קוויטשען, כאַפּן אַ טענצל...

— אַנו, ווייז נאָר! — רופט זיך אָן צו מיר יואליק דעם נגידס און בלייבט שטיין פאַרגאַפט.

ער באַקוקט מיין פאָן, איך באַקוק זיין פאָן.

— „אויך מיר אַ פאָן! — טראַכט איך מיר — אויך מיר אַ שטעקל! אויסגעבויגן, גלייך ווי אַ קאָטשערע!"

איך זע, אַז ער איז אַ געקאָכטער, נאָר איך מאַך מיך ניט ווילסנדיק און קוק כלומרשט אָן אַ זייט.

קאָפּל! — מאַכט ער צו מיר: — ווו האָסטו גענומען אַזאַ שיין שטע־קעלע?

— האַ? — זאָג איך און דריי מיך אויס צו אים מיטן פּנים.

— ווו האָסטו דערטאַפּט, — זאָגט ער נאָך אַ מאָל — אַזאַ טשאַקנדיק שטעקעלע?

— וואָס איז דען? — זאָג איך צו אים — ווילסט זיך אפשר בייטן אויף דיין טשוואָק?...

יואליק פאַרשטייט דעם שטאָך. ער טוט אַ גלאַנץ מיט די אייגעלעך, אַ סמאָרע מיט דער נאָז, לייגט אריין די האַנט אין קעשענע און טרעט אָפּ.

איך קוק אים נאָך און קוועל. עס קומט מיר צו אַ שטיק געזונט. איך זע, ווי ער רופט נחמיהן מיטן קרומען פיסל אויף אַ זייט און סודעט זיך מיט אים און ווינקט אויף מיר מיט די אויגן. איך זע גאַנץ גוט, נאָר איך מאַך מיך ניט ווילסנדיק.

אין אַ מינוט אַרום גייט צו צו מיר נחמיה מיטן קרומען פיסל, האַלט יואליקס פאָן מיטן קרומען שטעקל און רופט זיך אָן צו מיר:

— גיב מיר אָנצינדן דאָס ליכטל, מיינס האָט זיך פאַרלאָשן.

— ס'איז דיין פאָן? — זאָג איך צו אים און בייג אים אָן מיין פאָן מיטן ליכטל.

איך ווייס דאָך, ווע׳מ׳ס פאָן דאָס איז....

און איידער איך קוק מיך אַרום, טראָגט צו נחמיה זיין אָנגעצונדן ליכטל צו מיין פאָן און מאַכט בורא מאורי האש.

מיין פאָן צינדט זיך אָן, טוט אַ פלאַקער, פ־פ־פ, — אויס פאָן!

* * *

ווען עס פאַלט אַראָפּ פון הימל אַ שטיין גלייך מיר אין קאָפּ אַריין, ווען אַ ווילדע חיה פאַלט אָן אויף מיר און וויל מיך פארצוקן, אָדער ווען עס קומט מיר אַנטקעגן אַ מת אום האַלבער נאַכט און וויל מיך ווערגן, — וואָלט מיין שרעק ניט באדארפט זיין אזוי גרויס, ווי בשעת איך האָב דערזען מיין נאַקעטן שטעקן מיט דער אָפּגעברענטער פאָן. עס האָט זיך אַרויסגעריסן ביי מיר פונעם האַרצן אַ געשריי:

— אוי וויי, מיין פאָן!... מיין פאָן! מיין פאָן!...

עס האָבן זיך אַ גאָס געטאָן טרערן פון מיינע אויגן. די גאַנצע וועלט איז פאַר מיר געוואָרן פינצטער. דאָס שטעקל מיטן עפּל מיטן ליכטל זיינען ארויסגעפאַלן פון מיינע הענט, און איך האָב מיך געלאָזט גיין, איך ווייס אַליין ניט וווהין. איך גיי און גיס הייסע ביטערע טרערן. איך ברעך די הענט און באַוויין מיין פאָן, ווי מע באַוויינט א טויטן. און איך קום צו גיין אַהיים איינער אַליין, אָן א פאָן, און איך פאַרקלייב מיך אין אַ ווינקעלע, און אין דער פינצטער זיץ איך, דעם קאָפּ אראָפּ צווישן די קני, און וויין שטילערהייט, קיינער זאָל ניט זען, קיינער זאָל ניט הערן...

גוואַלד, גוואַלד, ריבונו־של־עולם! פאַר וואָס קומט דאָס מיר? פאַר וואָס און פאַר ווען?!...

א י נ ה אַ ל ט :

זייט

צום נייעם לערן־יאָר		5
ק אָ ר אַ ה אָ ד	ל. ניידוס	5
דער ערשטער טאָג אין שול	ע. ד׳אַמיצים	6
געדענקסטו נאָך?	ה. שאַרלמאַן	7
דער דעזשורער		7
דער סמבטיון		9
אין דער ליבער קאָלאָניע	יעקב פאַט	10
מזלדיקער האָז	י. גויכבערג	11
פ ר י ל י נ ג	ש. פ ר ו ג	12
דער העלד		12
פ ו ר י ם	רבקה גאַלין	13
שלח מנות		14
ר ע ט ע נ י ש		15
אַ ק ר י ג		15
א י ן נ י ס	י. קאַצענעלסאָן	15
פּייטל און פעדקאַ	שלום עליכם	16
זון אין הימל		17
דאָס פייגעלע	מ. פערלין	18
איך און דאָס קעלבל	שלום עליכם	18
דער פרילינג קומט!	נחום יוד	20
די בינען אין אָנהייב פרי־יאָר		20
נאָכן אַקער		21
ר ע ג נ ט ר אָ פ נ ס	מ. באגדאנסקי	22
דאָס זריה־קערנדל	ש. פ ר ו ג	22
אונדזער גערטעלע		23
דאָס גערטל	י. ל. פרץ	24
מיר פאָרן אויף אַ שפּאַציר		24
אַ שיינער טאָג	י. אַדלער	27
גראָזן שפּראָצן	י. ל. פרץ	27
מ אַ י	מ. ראָזנפעלד	28
ווי יאַנקעלע גייט שלאָפן	י. ל. פרץ	29
צום זייגער	י. קאַצענעלסאָן	30

זייט

ל אַ ט ק ע ס		31
די מאַמע	רבקה גאַלין	31
פאַרוואָס די מאַמע איז ניט געגאַנגען אין קינאָ		32
מאַמעס יום־טוב־טאָג		33
דרך ארץ		33
די אמתע מאַמע		33
ערב שבת		34
שאַ, דער זיידע שלאָפט	י. קאַטלער	35
דעם זיידנס טאַבאַק־פּושקע	ל. האָפמאַן	35
אַ קלוגער ענטפער		36
פ י י ו ו ע ל ע	לאה ק. האָפמאַן	37
אַ מאַנטל פון אַ טונקעלן געוואַנטל	קאַדיע מאָלאָדאָווסקי	40
ה ע נ ד ל		43
אַ טויט קעצעלע	יעקב גלאַנץ	43
די ראָבע הון	נחום יוד	43
משה און דער אָדלער		44
וואָס פאַרא פראַגע, אַזאַ ענטפער		45
אַ ש מ ח ה	נחום יוד	45
אונדזער קו	א. ראָבאָי	46
דאָס קעלבל	ז. פייערבערג	46
דאָס וועווריקל		48
צער בעלי חיים		49
א י י ז ל ־ נ אַ ר...	יעקב גלאַנץ	49
די הינט און דער האָן		50
דאָס גוטע פערדל	וויקטאָר הוגאָ	52
דאָס פאַריתומטע שעפּסעלע	י. שטיינבערג	54
דער אייבערשטער און דער שעפּס		57
דוד המלך		57
דער פוקס און דער באָק		59
אָפּגענאַרט דעם הינערפרעסער	ל. ה.	59
די קראָ און דער פוקס	א. שטיינבאַרג	60
דער נאָדלער און דער האָז	ל. טאָלסטאָי	61
די ל"ג בעומר סעודה	שלום עליכם	63
ר ע ג ן	י. ל. פרץ	65
נאָך אַ רעגן...	יעקב גלאַנץ	66
דאָס ליד פון דעם פראָש	י ה ו א ש	67
מע האָט מיך אָפּגעשאַרן	ב. סלוצקי	68
אויפן גרינעם בערגעלע	י. ל. פרץ	71
ז ו מ ע ר		71
אַ מילכיקע סעודה	מ. ספעקטאָר	72

שבועות־מאַרש 74
אַנדערסעס ניי היטעלע .... יידיש: ב. סלוצקי 74
ניט געשטויגן, ניט געפלויגן .... גוטיאַנסקי 78

וואָס האָב איך געזען אין קינאָ .... כאַוועור־פּאַוער 80
די פּייערלעשער .... א. פּראַפּאַן 84
מיטן טראַמוויי איבער דער שטאָט 85
וואָס רעדט די באַן? 86

אין די קויטיקע געסלעך פון שטאָט ... יצחק בערלינער 87
שפּיל אין אַרבעטער 87
אַ פּאָר קליינע שיכעלעך .... קאַדיע מאָלאָדאָווסקי 88
אין קוזניע .... י. רובין 89
חוני המעגל 91
דער שניידער .... שלום עליכם 92
גדליה דער שוסטער .... שלום עליכם 93
ביים שניידער .... שלום עליכם 95
ביים שוסטער .... שלום עליכם 96
ביים קירזשנער .... שלום עליכם 97
אַרבעטער .... מ. געלבאַרט 99
דער נאַכט־וועכטער .... א. רייזען 99
אַ קלוגער ענטפער 100
גוט געהאָלפן... 100

קוקוק — ליבער זומער! 101
די זאַנגען 101
דאָס ליד פון ברויט .... מאַני לייב 102
אַ טאַנץ 102
אין גאָרטן .... י. גובקין 103
אַברהמל 104
דו שלאָגסט זיך גאָר! .... י. קאַצענעלסאָן 104
אַ יאַריד .... שלום עליכם 105

דער גאָלדענער האַרבסט 106
מיין זיידנס ברכה 107
צדקה 107
האַרבסט .... ל. קוויטקאָ 108
די פּאָן .... שלום עליכם 109